№ 21

פרייז 20 גראשען.

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 22-01.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פאראנטוואָרטליך.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע נר. 6. — טעלעפאָן נר. 22-01
ערשיינט יעדען פרייטאג.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער שורה:
פאר'ן טעקסט 40 גראשען — נאָכ'ן טעקסט 20 גראשען
אין טעקסט 60 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלט 8 אנאנסען שפאלטען.

Częstochowa, Piątek 26 maja 1939 — ליכט-צינדען 7,22 — פרייטאג פ' נשא ח' סיון תרצ"ט

Bibl. Jagellonsk. Kraków Su. Aurej 19

Młode małżeństwo
poszukuje pokoju umeblowanego przy rodzinie, ewentualnie z obiadami.
Wiadomość w redakcji.

Pensjonat F. MRÓWKOWEJ
W KAMINSKU
WILLA „ROZALIA"
od 25-go maja poleca słoneczne pokoje
Wykwinta obfita rytualna kuchnia.

אכטונג, וויעלון!
„קינדער פאר קינדער"
זונטאג, ד. 28 ד. ח. אין זאל „מכבי" 4 נאכמ. וועלען די קינדער פון די פרעבעל-שולען אויספירען א 2-שעה'דיגען אינהאלטסרייכען פראגראם.
דעם זעלבען טאג 9 אווענד וועלען די קינדער פון דער „יבנה"-שולע אויספיהרען שעהנע נומערן, אקטובקעס און לעבעדיגע בילדער, הערליכע פאנטאסטישע ריטמישע טענץ, פיעלפארביגע קאסטיומען.
דער איינקונפט איז בעשטימט פאר די קינדער-זומער-קאלאניעס.
דער קאמיטעט בעט רעגען צאהלרייכען בעזוך.

מיטאגען היימישע
פריש, געשמאק, עכט כשר
צו ביליגע פרייזען
צו בעקומען ביי פרוי ראזענבלאט
אלעע 7 אדער קאטעדראלנא 14.

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.
מאכט בעקאנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ, וואס איז נאך ביז איצט אין טשענסטאכאו נישט געווען. כדי צו איבערציגען ועגען דעם די קונדשאפט האבען מיר
פערביליגערט די פרייזען:
א קאלנער מיט א הערליכען גלאנץ 12 גר.
א העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געווארען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט.
ספעציאליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

Proszek od BÓLU GŁOWY
DLA DOROSŁYCH
KOWALSKINA
stosuje się również
PRZY PRZEZIĘBIENIU
GRYPIE: KATARZE

KINO „EDEN".
די גרעסטע הייריגע סענסאציע!
SYN FRANKENSTEINA
קונסטווערק פון אונגעהויערליכקייטען און שוידער.
אין דער הויפט-ראל דער מייסטער פון מאסקע
באריס קארלאף
אלס מאנסטרום.

Kino „LUNA"
2 שעה פערוויילונג —
קאמעדיע פון פאנטאסטישע איינפאלען
PANNA EWA
אין די הויפט-ראלען:
קלאודעט קאלבערט, דזשאן בארימור
און מערי אסטאר

די יודישע האנדווערקער-שולע
גארנצארסקא 8.
איז מודיע, אז די **איינשרייבונגען פון שילער קומען פאר ביז'ן 15 יוני ד. י.**
די צאהל פלעצער איז בעגרעניצט.
נעגויע אינפארמאציעס אין דער קאנצעלאריע פון דער שולע.

זונטאג, דעם 28 מאי ד. י. 3 נאכמיטאג אין ערשטען טערמין און 4 נאכמיטאג אין צווייטען טערמין אין לאקאל פון הויזווירטען-פעראיין, אלעע 6, קומט פאר די
יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג
פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט „אחיעזר"
טאג ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) הזכרות פאר די פערשטארבענע מיטגלידער, 3) וואהל פון א פארזיצער פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג, 4) לעזען דעם פראטאקאל פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג, 5) בעריכטס טעטיגקייט און דאס אויספיהרען דעם פאראגראף 16 פון סטאטוט (ביז'ן 15.11.38), 6) קאסע-בעריכט, פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס קאמיסיע און בילאנס פאר'ן יאהר 1938, 7) פראיעקט פון בודזשעט אויפ'ן יאהר 1939, 8) וואהל פון 5 פערוואלטונגס-מיטגלידער אנשטאט די אבטרעטענדע ה"ה: מ. גאלסטער, וו. איצעק, יאקוב קאהן, מ. שווארצבוים און ב"ע יוסף שלעזינגער ווי אויך 8 פערטרעטער און א רעוויזיאנס קאמיסיע. (די אבטרעטענדע מיטגלידער קענען אויפסנייע געוועהלט ווערען). 9) פרייע פארשלאגען (פרייע פארשלאגען דארפען אריינגעטראגען ווערען שריפטליך 3 טאג פאר דער אלג. פערזאמלונג).

פארבעריי
און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
פאבריק און קאנטאר: ב. יאסעלעוויטשא 11
פיליע 2-טע אלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)
מענער-קראגענס ווערען ווייטער געוואשען מיט דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ צום פרייז **12 גר.**
ספעציאליטעט:
1) אויספרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פארבען לויט מוסטערן, 3) דעקאטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט), 4) כעמישרייניגען און פאסאנירען קאפעלושען. די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אן אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין ווארשא מיט לאנגיעהריגער פראקטיק

Kino „BAŁTYK" 14—16 אגראדאווא
היינט און ווייטערע טעג! — — דער גרויסער מאנומענטאלער יודישער פילם
א ברייוועלע דער מאמען
מיט די בעריהמטע טראגיקער פון דער יודישער ביהנע
לוסי און מישא גערמאן

זונטאג, דעם 28 מאי ה. י. 11 א זייגער פארמיטאג וועט אבגעריכט ווערען א הזכרה און ס'וועט ענטהילט ווערען די מצבה אויפ'ן קבר פון
יעקב פושיראווסקי נ"ע
אויף וועלכע עס לאדען איין קרובים, פריינד און בעקאנטע
די פאמיליע.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון דער **פאמיליע פישער** צוליעב'ן טויט פון זייער מאן און פאטער
יצחק מאיר נ"ע
און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
מיכאל רושעוויטש, יחזקאל רושפחיטש

Koledze naszemu HEŃKOWI KLINOWI z powodu przedwczesnego zgonu brata Jego
b. p. ABRAMA
wyrażają najszczersze współczucie
KOLEŻANKI i KOLEDZY
III kl. Gimnazjum D-ra F. Axera

Tow. Żyd. Szkół Średnich i Powszechnych
w Częstochowie
zawiadamia, że **wpisy** do szkoły powszechnej, gimnazjum i liceum przyjmuje codziennie kancelaria szkolna ul. Jasnogórska 8—10.

שבת, דעם 27 מאי 6 אווענד אין ערשטען טערמין און 7 אווענד אין צווייטען טערמין אין אייגענעם לאקאל קומט פאר די
יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג
פון די מיטגלידער פון „טאז"
מיט פאלגענדען סדר-היום: א. וואהלען פון א פרעזידיום פון דער פערזאמלונג, ב. לייענען דעם פראטאקאל, ג. טעטיגקייט און פינאנץ-בעריכט פאר'ן יאהר 1938—39, ד. בעריכט פון דער רעווידיר-קאמיסיע, ה. פרעלימינאר-בודזשעט פאר'ן יאהר 39—40, ו. ערגענצונגס וואהלען פון א פערוואלטונג און רעוויזיר-קאמיסיע, ז. פרייע פארשלאגען.

זונטאג, ד. 4 יוני ד. י. 4 נאכמיטאג אין שטיבעל ביי דער נייער שוהל, ווילסאנא 16 קומט פאר
די אלגעמיינע פערזאמלונג
פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט **„בית לחם"**
טאג-ארדנונג: 1) וואהל פון א פארזיצער פון דער אלג. פערזאמלונג, 2) בעטראכטען און בעשטעטיגען דעם בעריכט פון דער ביז-יעצטיגער טעטיגקייט, בודזשעט אויפ'ן יאהר 1939, פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע, 3) וואהל פון 24 פערוואלטונגס מיטגלידער און 8 קאנדידאטען, ווי אויך 3 מיטגלידער פון דער רעוויזיאנס קאמיסיע, 4) פרייע פארשלאגען.
§ 50 פון'ם סטאטוט פון דער געזעלשאפט: „די אלגעמיינע פערזאמלונג איז גילטיג אונאבהענגיג פון דער צאהל אנוועזענדע מיטגלידער, וועגען וואס ס'ווערט מיטגעטיילט די מיטגלידער".

Szczepienie ochronne
przeciwko ospie świeżą krowianką szczepi
Starszy felczer
ST. MITTLER
Piłsudskiego 7
tel. 18-04.

ס'ווערט זאפארט געזוכט
א קוואליפיצירטע טיכטיגע פערקויפערין אין שוך-געשעפט פון
מ. גליק, אלעע 5

Niezmiennie wyróżnia się doskonałą jakością

„Backin" dra OETKERA

נאטיצען

ארץ - ישראל געהער צום יודישען פאלק נישט נאר דערפאר, ווייל מיר האבען בעקומען א צוזאג פון ענגלאנד, אז דארט וועט געשאפען ווערען א נאציאנאלע היים (באלפור דעקלאראציע), נאר צוליעב דעם, וואס טיעף אין דער נשמה פון יעדען יוד טליעט דער היליגער פונק פון שיבת-ציון, וואס האט זיך אין משך פון קנאפע צוויי טויזענד יאהר צוזאמענגעגאסען מיט אונזער בלוט.

ענגלאנד, דער היינטיגער אפיטראפס איבער ארץ - ישראל וויל די הבטחה צוריקציהען. עס וועט אבער נישט געלונגען אויסלעשען דעם ברענענדען ווילען וואס דייעט אין אונזער נשמה, איז דעריבער נישטא קיין פחד, אז מיר וועלען פערלירען ארץ ישראל לעם ישראל.

עס וועלען נישט העלפען קיין ווייס אדער שווארצע ביכער פון דער ענגלישער רעגירונג, דער פאלקס - ווילען איז שטארקער פון אנגעשריבענע פערארדנונגען אדער געשריבענע געזעצען.

די שטרעבונג נאך ארץ-ישראל אלס דאס איינציגע לאנד פאר אונזער צוקונפט איז אזוי גרויס, אז זי וועט צושטערען אלע צוימען און שטכבדיגע דראט, וואס שטעהט אויפ'ן וועג.

א מעכטיגע פראטעסט - בעוועגונג האט זיך אויפגעהויבען פון גאנצען יודענטום געגענאיבער דעם פערראט פון ענגלאנד און נישט בלויז מיט'ן פראטעסט וועט דער ענין אויסגעשעפט ווערען, עס וועט נאך מעהר ווי ביז איצט פערשטארקט ווערען דער ברען, די תשוקה, די קרבנות - גרייטקייט פון יודישען פאלק צו דעראבערען אונזער לאנד.

פערהאן א קליינע צאהל יודען, וועלכע האבען דעם דאזיגען בעגריף נישט אויפגעפאסט, נאר אין יעדער מחנה זענען דא אבטריניגע, דאס שטערט אבער נישט אז די גרויסע אידעע פון א פאלק זאל צושטערט ווערען צוליעב דער פחדנות פון יחידים.

דאס יודישע פאלק און זיין גרויסע מעהרהייט שטעהט פעלזן-פעסט פאר זיין הייליגען געדאנק און ווילען, טראץ אלע שטערונגען און מניעות, און דאס איז די בעסטע גאראנטיע, אז כוף כל-סוף וועט דער אמת זיגען און דאס געפלאגטע פעריתומ'טע פאלק ישראל וועט צוריקבעקומען זיין טרייע מוטער—ארץ-ישראל.

דאס יודישע טשענסטאכאוו האט ארויסגעוויזען א זעלטענע דיסציפלין און אחדות-געפיהלען בעת די לעצטע וואהלען צום שטאדט-ראט.

דער טשענסטאכאווער יודישער ציבור האט מיט זיין מאסענווייז זיך בעטייליגען אין די וואהלען בעוויזען, אז זיי שטרעבען צו יודישער איינהייט, אז זיי פעראכטען די מחלוקת און נאר דער געדאנק פון שלום צווישען יודען שטארקט זיי זיך מוסר נפש צו זיין פאר דער יודישער זאך.

אלע יודען האבען מיט אמת'ע מסירת-נפש זיך בעטייליגט אין די וואהלען, ס'איז אבער קיינעם נישט איינגעפאלען, אז אין אזא אחריות'פולען מאמענט וועלען זיך געפונען אבטריניגע, וועלכע וועלען מיט א פערראסט מעסער שטעכען הינטענארום אין דער נשמה פון יודישען אחדות.

די דאזיגע צושטערער האבען דערמיט געוואלט צושטערען די יודישע איינהיים, וואס איז פאר זיי ווי א דארן אין די אויגען, זיי האבען אבער א טעות, דער יודישער פעראייניגטער פראנט וועט ווייטער בלייבען און וועט נאך מיט מעהר עקשנות די איינהייט צעמענטירען צו להכעיס די שטערער און מחררי ריב.

די נאר וואס פארגעקומענע וואהלען צום שטאדט - ראט דארפען אונז דינען ווי א וועג - ווייזער, אז נאר ש"ום, איינהייט, איז דער איינציגער ריכטיגער וועג פאר דעם יודישען טשענסטאכאוו און אויב עס זענען נאך געבליבען יחידים, וועלכע די איינהייט שטעכט זיי אין די אויגען וועלען זיי בלייבען איזאלירט מחוץ למחנה, אזוי אז יעדער וועט קענען אנווייזען אויף זיי, אז אט דאס זענען די יעניגע, וועלכע טארען זיך נישט דערנעהנטערען צו דער געאייניגטער יודישער מחנה.

אלע געזונדע טיילען פון יודישען ציבור אין טשענסטאכאוו בלייבען אויף ווייטער פעראייניגט אין קאמף פאר די יודישע אינטערעסען אין אונזער שטאדט.

ש. פ.

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— אין צוזאמענהאנג מיט'ן פערעפענטליכען דאס „ווייס-בוך", וואס הייסט פאקטיש אבגעשאפט די באלפור-דעקלאראציע — זענען אין גאנץ ארץ - ישראל פארגעקומען שטורמ'שע געשעהענישען. אין ת"א-אביב און אין ירושלים איז געקומען צו בלוטיגע צוזאמענשטויסען צווישען די דעמאנסטרירענדע יודען מיט דער ענגלישער פאליציי, וועלכע האט מיט גומענע שטעקענס פערוואונדעט איבער הונדערט יודען.

— די אראבישע מלוכות האבען אויך נישט אקצעפטירט דאס ווייס-בוך און וועלען עמפפעהלען די א"י-אראבער נישט מיטצוארבייטען מיט דער ענגלישער רעגירונג אויפ'ן יסוד פון דעם אין ווייס - בוך פארמולירטער פאלעסטינא-פאליטיק.

— ווינצענטי וויטאס, וועלכער האט זיך שוין אומגעקעהרט צו אקטיווער פאליטישער ארבייט, איז אויף דער לעצטער זיצונג פון צענטראל - קאמיטעט פון דער פויערן-פארטיי אויסגעקליבען געווארען אלס פרעזעס פון דער פארטיי.

— דער אמעריקאנער קריסטליכער פרא-פאלעסטינא-קאמיטעט האט ארויסגעשיקט א דעפעשע צום פרעזידענט רוזוועלט געגען דער פערלעצונג פון די יודישע רעכט אין ארץ-ישראל, וואס איז גאראנטירט געווארען דורך 54 מלוכות און איז איצט געבראכען געווארען דורך דער ענגלישער רעגירונג. אין דער דעפעשע ווערט אויך פערלאנגט, אז אמעריקא זאל אויפ'ן סמך פון ענגליש-אמעריקאנער אבמאך פון 1924 אונטערנעמען אן אינטערווענץ אין דער היניזיכט.

— אויף דער טעריטאריעלער גרעניץ פון דער פריישטאדט דאנציג און מורח פרייסען, אין קאלטהאף, וואו עס געפונט זיך דאס הויז פון די פוילישע צאל - אינספעקטארען, איז א גרויסער המון היטלעריסטען בעפאלען דאס הויז און אנגעהויבען שטורמען מיט געוואלד. די פוילישע צאל-אינספעקטארען האבען נישט געמאכט קיין געברויך פון זייער געוועהר און נאך איינע שעה פערטיידיגען זיך, האבען זיי בעהאלטענערהייט פערלאזט דאס הויז. ערשט דאן איז דער המון אריינגעדרונגען און גענצליך דעמאלירט די אינערליכע איינריכטונג.

דער פוילישער גענעראל - קאמיסאר וועמען עס איז צו וויסען געגעבען געווארען פון דער פאסירונג האט גלייך אהינגעשיקט אויפ'ן ארט פון געשעהעניש זיין פערטרעטער מיט נאך צוויי בעאמטע. ווען די בעאמטע האבען זיך — נאכ'ן אנקומען אהין — דערווייטערט פון אויטא, איז דער שאפער אנגעגריפען געווארען דורך א גרופע היטלעריסטען. אין זעלבסטפערטיידיגונג איז דער שאפער געצווינגען צו שיסען אין דער לופט און וואס איין היטלעריסט איז פערוואונדעט געווארען און שפעטער געשטארבען פון די וואונדען אין שפיטאל.

— אויף מאנטאג איז פראקלאמירט געווארען אין גאנץ פוילען א 2 שעהדיגער פראטעסט-שטרייק געגען „ווייס-בוך". דער שטרייק איז איבעראל, אין אלע שטעדט, פארגעקומען אויף אנאימפאזאנטען אופן. די געשעפטען, ווארשטאטען און פאבריקען זענען געווען געשלאסען און די יודישע ארבייטער, האנדווערקער און סוחרים זענען מאסענהאפט ארויס אויף דער גאס פראטעסטירען געגען דער ענגלישער פאליטיק אין א"י.

— פון פראג ווערט מיטגעטיילט, אז די „געסטאפא" האט זיך געוואנדען צו אלע יודישע אינזשעניערען, דאקטוירים און כעמיקער, אנבאטענדיג זיי ארבייטס פאסטענס אין דייטשלאנד. זיי בעקומען 3 טעג צייט אויף ישוב-הדעת. א טייל דאקטוירים און אינזשעניערען האבען געמאלדען, אז זיי ווילען נישט געניסען פון דעם אנבאט.

— דער איטאליענישער אויסערן-מיניסטער גראף ציאנא און דער שעף פון דער איטאליענישער ארמעע גענ. פאריאני זענען אנגעקומען קיין בערלין, וואו ס'איז אונטערגעשריבען געווארען דער מיליטערישער אבמאך צווישען דייטשלאנד און איטאליע. מצד דייטשלאנד האט דעם אבמאך אונטערגעשריבען פאן ריבענטראפ.

— אין צוזאמענהאנג מיט'ן אנפאל אין קאלטהאף אין דער נאכט פון 20 אויפ'ן 21 ד. ח. אויפ'ן אויטא פון פוילישען צאל - אינספעקטאראט און מיט'ן טרויריגען פארפאל, וואס איז געקומען אין רעזולטאט פון פארפאל, האט די פוילישע מאכט פערארדענט א שטרענגע אויספארשונג.

— די היטלעריסטען האבען ביי די גרענעצען פון עלזאס אוועקגעשטעלט ריזיגע מעגאפאנען דורך וועלכע עס איז איבערגעגעבען געווארען די רעדע פון גאולייטער בירקעל, וואס ענטהאלט פראוואקאטארישע אינטענצען לגבי עלזאס און לאטאריגען.

— די „זיגפריד ליניע" איז טיילווייז פערגאסען געווארען צוליעב א פערפלייצונג פון רעכטען ברעג רהיין. דאגעגען די „מאזשינא - ליניע" אויף דער פראנצויזישער זייט האט עס נישט געשאדט.

— דער פ"אנצויזישער אויסערן-מיניסטער באנע איז מאנטאג נעקומען קיין זשענעווע צו דער זיצונג פון ראט פון פעלקער-בונד.

— דער ענגלישער קעניג האט געהאלטען א רעדע אין קאנאדע, וואו ער האט צווישען אנדערן געזאגט, אז אהן פרייהייט קען נישט זיין קיין דויערהאפטער שלום.

דער רויטער „מגן-דוד" פון ארץ-ישראל האט אוועקגעשיקט א דעפעשע צו דער ענגלישער רעגירונג קיין לאנדאן ווי אויך צום לאנדאנער רויטען-קרייץ, פראטעסטירענדיג געגען דער ברוטאלער האנדלונג פון דער ענגלישער פאליציי אין א"י, וועלכע האט זיך ערלויבט צו שלאגען די דאקטוירים און פלעגע שוועסטער פון „מגן-דוד" בעת'ן ערטיילען הילף די פערוואונדעטע.

— גענ. פראנקא האט געמאכט א אויפנאהמע פאר 5 טויזענד גענעראלען און אפיצירען, וואס האבען זיך בעטייליגט אין דער „דעפילאדע פון נצחון".

— די פוילישע צאל-אינספעקטארען האבען זיך שוין צוריקגעקעהרט קיין קאלטהאף, וואו זיי האבען אנגעהויבען נארמאל צו פונקציאנירען. אויך זענען בעפרייט געווארען די באהן-בעאמטע, וועלכע זענען געהאט ארעסטירט געווארען אין צוזאמענהאנג מיט די געשעהענישען.

שטארק, געאייניגט

נישט קיין פעליעטאן

אין דער נאכט פון שבועות זענען מיר געזעסען, מיר, דאס מיין איך מיין שכן און איך און געזאגט תיקון ליל שבועות. פלוצים פערמאכט ישראל יודל דאס תיקונ'דעל און הויבט מיט מיר אן צו שמועסען וועגען פאליטיק. ס'פערשטעהט זיך, אז איך בין נישט געווען שטארק צופרידען איבערצורייסען די הערליכע פאעזיע פון תנ"ך און זיך, אריינלאזען אין מילי דעלמא, וואס ס'קריכט שוין אויסען האלז. האב איך דעריבער א מאך געטהון מיט דער האנד אזוי ווי איינער זאגט: לאז מיך געמאך. מיין שכן לאזט אבער נישט אב און וויל דווקא רעדען מיט מיר.

— וועגען וואס געהט עס אייך — פרעג איך מיין שכן — אויב וועגען דער אויסגעדראשענער פראגע, „מלחמה אדער שלום" האב איך איצט נישט קיין חשק צו רעדען.

— נישט וועגען דעם אלעם, ווייל איך כאפען א שמועס — ענטפערט מיין שכן — אויך מיר איז דאס שוין דערעסען, איך וויל רעדען מענינא דיומא, כ'מיין וועגען דעם, וואס עס איז געווען אמאל א צייט, ווען אלע יודען האבען געזאגט בפה אחד נעשה ונשמע, פא ווי איז דאס מעגליך? א כלל האבען מיר דאך, אז צוויי יודען האבען דריי דעות און דא פלוצים זענען אלע מיט איין דעה און איין מיינונג?

— נו, דאמאלס — וויל איך פערענטפערען — האט מען זיי דאך ארונטערגענומען אונטער איין בארג און מען האט זיי געזאגט מיט'ן הארבען ווארט: אם תקבלו — אויב איהר וועט צונעמען די תורה מיט גוטען, לאזט מען אייך לעבען ואם לאו — אויב איהר וועט יעצט אויך זיך שפיגלען אין פארטייען און זיך ארומקריגען איז פה תהא קבורתכם. נו, מילא, האבען זיי קיין אנדערע ברירה נישט געהאט, ווי באלד די יודען זענען אוועק פון בארג, ווען ס'האט זיי נישט געדראהט קיין לעבענס געפאהר, איז באלד געווארען א מהומה, א פארטיי-רייסעניש, וואס דויערט ביז'ן היינטיגען טאג.

— עס — איז ישראל יודעל נישט צופרידען מיט מיין ענטפער — אויף יודען קאן מען נישט אויסטראכטען אזא „בלבול" יודען זענען א פאלק, וואס אפילו ווען דער חלף ליגט זיי איפ'ן האלז, וועלען זיי נישט געהן צוזאמען, זיי וועלען שוין אויסגעפינען א שטיקעל פשט'ל, אז ראובן זאגט טאג, מוז שמעון זאגען נאכט, איז דעריבער מיר א וואונדער, — זאגט ווייטער מיין שכן — וואס גראד ביי קבלת התורה זענען די יודען געווען ביי א'ין מיינונג.

— און ביי די וואהלען צום טשענסטאכאווער שטאדט-ראט זענען דען די יודען נישט געווען איינינ? — שריי איך אויס מיט שטאלץ. אט זענען שטענדיג פארגעקומען צווישען די טשענסטאכאווער יודען מחלוקות, וואס ס'האט זיי נישט פערשאפט קיין כבוד און דא איצט, בעת עס איז געווען א סכנה, האבען זיך אלע ריכטונגען פעראייניגט און נעגאנגען מיט איין ליסטע. און נאכמעהר, טאמער זענען די קליינהענדלער, וועלכע זענען בעעולה"ם געווארען געגאנגען מיט א בעזונדערע ליסטע, האבען זיי אין דער לעצטער מינוט, כדי נישט צוצושטערען דעם יודישען אחדות, אויך צוריקגעצויגען און זיך פעראייניגט מיט'ן כלל ישראל.

— נו — שריי איך אויס מיט טריומף — איז דען דאס נישט קיין גענוגענדער בעווייז, אז אין יודישען פאלק לעבט נאך א געזונדער חוש פאר פעראיינונג, פאר נעשה ונשמע. און ווארט נאר — הויב איך אויף מיין שטימע און רעד מיט פאטאס. — איהר האט געדארפט זעהען מיט וואס פאר א מסירת נפש יודען זענען געגאנגען צו די וואהלען. יעדער יוד, וועלכער האט נאר געהאט וואהל-רעכט, איז געלאפען ערפולען זיין בירגערליכען חוב און ווי איהר ווייסט — כאפ איך אן מיין שכן ביי די קלאפעס — קומט א יוד נישט אזוי לייכט אב אפילו אבצוגעבען זיין שטימע. א סך יודען האבען געמוזט לויפען נאך דאקומענטען, נאך עדות און א סך זענען אפילו צושלאגען געווארען, דאס האט אבער זיי נישט געשמערט צו שטעהן שעה'ן פאר דער וואהל אורנע, כדי צו ערפילען נישט בלויז זייער בירגערליכען, נאר אויך זייער יודישען חוב.

גלויבט מיר — ווער איך וואס אמאל אלץ מעהר בעגייסטערט פון די אייגענע רייד — אז מען דארף דורך ארץ האבען פאר די טשענסטאכאווער יודען, וועלכע האבען ארויסגעוויזען אין איצטיגען מאמענט, אז זיי זענען שטארק געאייניגט.

נו, נו — גיט א מורמעל אונטער דער נאז ישראל יודל — אזוי שטארק נתפעל דארפט איהר נישט ווערען. אמת, איך וועל נישט לייקענען, אז ביי די איצטיגע וואהלען צום שטאדט-ראט האבען יודען בעלייגט דעם רייפקייט עקזאמען, אמת, אבער מען טאר נישט פערמאכען די אויגען אויך אויף די שאטען - זייטען. ערשטענס, פערגעסט נישט, אז אויסער די ריין-יודישע בירגערליכע ליסטע איז געווען נאך א ליסטע פון די יודישע סאציאליסטען און דאס האט שוין אריינגעבראכט אביסעל בייז בלוט. דאן איז דא א גרויסע טענה צו די יודען פון די גאסען: קילינסקי, דאמבראווסקי און אלע קאשטשושקי, וועלכע האבען צוליעב זייער פערנאכלעסיגונג חרוב געמאכט א יודישען מאנדאט און דריטענס, וואס עס האט אויפגעטרייסעלט יעדען אנשטענדיגען מענשען, איז די העסליכע פראוואקאציע פון די אזוי-גערופענע מזרח'סטען, וועלכע האבען ווי שענדליכע פחדנים, אויף א מיאוס'ען אופן, אבגענארט די וועהלער. אפען האבען זיי נישט געהאט קיין מוט ארויסצוטרעטען, נאר אזוי ווי די עכברים, וועלכע האבען נאר שליטה אין דער פינסטערניש פון דער נאכט.

אט די דריי בלויזען, וועלכע איך האב דא דערמאנט — איז מיר מסביר מיין שכן — בעווייזען, אז אין יודישען פאלק איז נאך נישט אלץ אין ארדנונג און ס'איז נישטא מיט וואס צו שטאלצירען.

— איך בין נישט מסכים — לאז איך זיך נישט איבערצייגען. פון ישראל יודלען. — מען טאר דאס מאל נישט מלשין זיין אויף אונזערע יודען און איך ענטפער איהם על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון: 1) מען קאן נישט צווינגען דעם „בונד", וועלכע האט זיין ארגאניזאציע, זיין אידעע, וואס איז נישט אין איינקלאנג. מיט'ן כלל-ישראל, צווינגען צו געהן מיט אלע יודען צוזאמען, ווייל דאס וועט אבשוואכען זייער פאזיציע און זייער וועלט-אנשויאונג און מכל שכן ביי וואהלען, וואו עס קומט צום אויסדרוק די קלאסען-דעפערענצירונג, 2) די יודען פון יענע גאסען, זענען אפשר אויך נישט אזוי פיעל שולדיג פאר זייער פערנאכלעסיגונג. גאר פשוט, זיי איז נאך צו וואויל, זיי פיהלען נאך נישט אויף זייערע פלייצעס דעם עול גלות און במילא געהט עס זיי נישט אין לעבען א יוד מעהר אדער א יוד ווענינער, און 3) וועגען דער פראוואקאציע פון די עקליכע אזוי גערופענע מזרחיסטען, לוינט נישט זיך צו נעמען צום הארצען, ווארום די אלע, וועלכע האבען מבוה געווען דאס יודענטום אין טאג פון די וואהלען מיט זייער העסליכער עובדה, זענען דאך נאר א ווערקצייג אין די הענד פון דעם אבי-אבות, זיי זענען דאך אזוי צו זאגען די שרצים, וועלכע מען שיקט צו פערדארבען דאס געזונדע און קערנדיגע, קיין ממשות'דיגעס קאנען זיי נישט אויפטהון און פערמיסטיגען דאס שעהנע דארף מען דאך נישט זיין ווערטפול. איבריגענס, וועט דאס יודישע טשענסטאכאוו אט די דאזיגע מנובלים פערטרייבען אין זייער רוה-ארט מחוץ למחנה. איז דעריבער נישט כדאי וועגען זיי צו רעדען. דאס גאנצע יודענטום אבער איז דאס מאל געווען געאייניגט אין א קשר של חוקה און דאס דארף דאקומענטירט ווערען.

— אזוי איז עס — איז מיט מיר ענדליך מסכים מיין שכן — יעדע זון האט אויך איהר שאטען-זייט און די דאזיגע ווערים, וועלכע האבען אין א צייט פון יודישען אחדות געוואלט מיט זייערע פוילע ציהען איינבייסען דעם יודישען קערפער, זענען די שאטען-זייטען פון אונזער לעבען און אלס אזעלכע וועלען זיי אויסגעשפיגען ווערען צוזאמען מיט זייער מורה-דרך דעם אבן-נגף. דאס וועט אבער נישט אבשרעקען דעם געזונדען טייל פון יודענטום, וועלכע האבען דאסמאל ביי די שטאדט-ראט-וואהלען ארויסגעוויזען זייער נאציאנאלען אחדות, וועלען אויך אויף להבא, להכעיס דעם אבן נגף מיט זיינע שלאטען-שמשים, ווייטער זיין שטארק, געאייניגט!

סמאל

לעאָ קעניג

נעוויל טשעמבערלען

וועט מינ. נעוויל טשעמבערליין נישט פערבלייבען אין דער געשיכטע אלס דער טראַגישסטער שטאַטסמאַן פון אונזער טראַגישער צייט?

עס זענען געווען מאָמענטען בשעת דעם סעפּטעמבער קריזיס, ווען זיינע נאָכפאָלגער און פערעהרער האבען געזעהן אין איהם סמנים פון קוראַזש, איניציאַטיוו און אפילו העראָאיזם. אין דער סאַמער לעצטער מינוט איז ער געפלויגען קיין מינכען און געראַטעוועט דעם שלום.

ווי גרויס איז געווען דער פרייז, וואס ער האט בעצאָהלט פאר׳ן שלום? און האט ער ווירקליך געראַטעוועט דעם שלום, צי נאָר איהם אָבגעשריגען אויף עטליכע חדשים?

נאָר ווי עס זאל נישט זיין האט א אַ גרויסע טייל פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג אין אייראָפּע און אַמעריקא איהם געוואָלט בעטראַכטען אַלס דעם רעטער פון שלום — דעם מאַן פון שלום. דער אמבאַסאַדאָר פון שלום, וועלכער איז געוואָרען פּאָפּולער אפילו אין די טאָטאַליטאַרע מלוכות אלס דער גרויסער רודף שלום.

אָבער נישט לאַנג האט געדויערט די גלאָריע און גדולה פון דעם אַפּאָסטאָל פון צופּאַסען זיך; און זיין פּאָפּולאַריטעט אין די טאָטאַליטאַרע מלוכות.

נאָך דעם מינכענער שלום און דעם סעפּטעמבער-קריזיס זענען געקומען די ברוטאַלע, ציניש נאַקעטע נאַצישע אַ-נעקסאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע, און די איטאַליענישע אַנעקסאַציע פון אַל-באַניע. און דער קריזיס, וואָס הערשט איצט איבער אונז איז אפשר דאָך שאַרפער און געפעהרליכער ווי דער סעפּטעמבער-קריזיס.

און מינ. טשעמבערלען איז געוואָרען דער ענטוישטער שטאַטסמאַן. די דיקטאַטאָרען — פריהער איינער און דערנאָך דער צווייטער — האבען זייער וואָרט נישט געהאַלטען. ער האט זיי געוואָלט גלויבען מיט׳ן גאַנצען האַרצען אפשר, אָבער זיי האבען זיין גלויבען ביטער ענטוישט.

מינ. טשעמבערלען איז געוואָרען דער אויף אַן אמת ענטוישטער שטאַטסמאַן.

ער האט געזעהן זיין צופּאַסונגס-פּאָליטיק צושמעטערט. און ער איז געצוואונגען געוואָרען אַנצופאַנגען אַ נייע פּאָליטיק ד. ה. די פּאָליטיק, וואָס זיינע קריטיקער אין׳ם קאָנסערוואַטיוון לאַגער — אידען, טשערטשיל און דאַף קופּער — האבען שוין לאַנג פריהער געפאָדערט.

טשעמבערלען האט געמוזט מודה זיין, אַז די פּאָליטיק פון צופּאַסען זיך איז דורכגעפאַלען און ער האט אָנגעהויבען צעמענטירען דעם שלום פראָנט.

ער האט געשלאָסען פּאַקטען פון גע-גענזייטיגער הילף מיט פּוילען, גריכענ-לאַנד און רומעניע. די פערהאַנדלונגען מיט טערקיי און רוסלאַנד געהן נאָך אָן. און מיט אַ זעהר שווער געמיט האט ער איצט געמוזט איינפיהרען טיילווייזע געצוואונגענע מיליטער-דינסט אין ענגלאַנד. און איצט איז ער שוין נישט מעהר דער ענטוישטער שטאַטסמאַן. נאָר דער טראַגישער שטאַטסמאַן. דער טראַגישסטער אפשר אין אונזער טראַגישער צייט.

און זיין טראַגיזם בעשטעהט הויפּט-זעכליך אין דעם דואַליזם פון זיין איצ-טיגער „נייער פּאָליטיק".

ער איז ענטוישט אין זיין טאַקטיק, אָבער ער האט זי נאָך נישט אינגאַנ-צען אויפגעגעבען. ער גלויבט נאָך אַ פּנים אַלץ, אַז עס קען געשעהן אַ נס און ער וועט נאָך איבערבעטען, מיט עפּיס אָבקויפען די דיקטאַטאָרען.

מיט איין האַנד בויט ער איצט דעם נייעם שלום-פראָנט, דעם פראָנט פון קאָלעקטיווער זיכערקייט, און מיט דער צווייטער האַנד פיהרט ער נאָך אַלץ אָן די פּאָליטיק פון צופּאַסען זיך.

ער פיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט ראַטען-רוסלאַנד און צו דער זעלבער צייט איילט ער זיך (פאר אַמעריקא און פאר פראַנקרייך) צוריקצושיקען דעם אָבגערופענעם אַמבאַסאַדאָר קיין בערלין.

האט טשעמבערלען ווידער געהאט אַ ביטערע ענטוישונג: פאָן ריבענטראָפּ היטלער׳ס אויסערן-מיניסטער האט זיך גאָרנישט געאיילט אויפצונעהמען דעם אַמבאַסאַדאָר פון גרויסבריטאַניע. ער האט קיין צייט נישט געהאַט איהם צו זעהן. דאס איז מסתמא געווען אַ שטע-כיגע אַנצוהערעניש טשעמבערלענען מצד די נאַצישע דיפּלאָמאַטען, אַז זיי געפעלט גאָרנישט, וואָס טשעמבערלען פיהרט איצט אָן פערהאַנדלונגען מיט די סאָוויעטען.

און די סאָוויעטען זענען דערווייל נישט איבעריג שטאַרק צופרידען דער-מיט, וואָס טשעמבערלען האט זיך אַזוי גיך צוגעאיילט צוריקצושיקען דעם בריטישען אַמבאַסאַדאָר קיין בערלין. איז איצט טשעמבערלען דער טראַגי-שער פּרעמיער פון גרויסבריטאַניע.

ער שטעהט אויף צוויי שוועלען פון צוויי בעזונדערע פּאָליטיקען. פון איי-נער מוז ער, נישט ווילענדיגערהייט אַוועקגעהן; און צו דער צווייטער מוז ער, אויך נישט ווילענדיגערהייט צו-קומען.

און אויף ביידע פּאָליטישע שוועלען איז ער נישט מעהר פּאָפּולער, פון ביי-דע שוועלען קוקען צו איהם אויגען מיט פעראַכט.

און נאָך איז ער אַזוי געטריי זיך, זיינע קאָנסערוואַטיווע טראַדיציעס און אַנשויאונגען, שטעהענדיג איצט אַזוי נישט זיכער, פערצווייפעלט אויף די צוויי שוועלען.

דער טראַגישסטער שטאַטסמאַן פון אונזער צייט. און זיין טראַגיזם איז נאָך טיפער דערמיט, וואָס קיינער פון זיינע קריטיקער איז נישט גרייט צו פערנעמען זיין זעהר שווערען און אומגעהויער פעראַנטוואָרטליכען אַמט. ווער וואָלט איצט געוואָלט ווערען פּרע-מיער מיניסטער אויף טשעמבערלען׳ס אָרט? עטלי? אידען? מען קען צווייפ-לען צי אפילו ווינסטאָן טשערטשיל וואָלט „אין דעם איצטיגען מאָמענט געוואָלט ווערען דער פּרעמיער פון ענגלאַנד?

שטעהט איצט דער שטאַטסמאַן ווי דער אמת׳ער סימבאָל פון די איצטיגע אין זיך גישט איבערצייגטע און איינ-געגלויבטע דעמאָקראַטיעס. ער זעהט דעם מורא׳דיגען שטורעם אָנרוקען זיך אויף אייראָפּע און ער האָפט נאָך אַלץ געגען אַלע האָפנונגען אויף אַ נס.

ד״ר יעקב וויגאָדסקי

די גרויס-בריטאַנישע נאַציע און מיין אָרים יודיש פאָלק

און עס איז חרוב געוואָרען דער בית-שני. און דאס יודישע פאָלק איז פון זיין הייליג לאַנד מיט׳ן וואָרצעל אויסגעריסען געוואָרען, ווי אַ קינד, וואָס איז אָבגעריסען געוואָרען פון זיין מוטער׳ס ברוסט. און יודען האָבען געזוכט אין דער וועלט אַ לאַנד, אַ קליין ווינקעלע, וואו זיי זאלען קע-נען מיט שווייס, אָהן טרעהרען און דערנידריגונג, עסען זייער אייגענעם שטיקעלע ברויט. יודען האבען זיך אין זייער זוכעניש צוזייט און צושפּרייט איבער דער גאַנצער ערד, האָבען אָבער קיין פּאַסיגען אָרט נישט געפו-נען, און די שווערע בענקעניש נאָך זייער אַמאָליגער פרייהייט, זעלבסט-שטענדיגקייט און נאָך זייער מוטער-ערד איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער. טייל שוואַכע און שרעקעדיגע יודען געטריבען פון יאוש האבען זיך אין גלות גענומען בוקען און בוינען פאר די אָרטיגע עבודה זרות, נאָכמאַכענדיג ווי מאַלפּעס אויף אַ קנעכטישען אופן זייערע שונאים און פערפאָלגער: זיי האבען זיך געוואָלט צומישען אין איי-נעם מיט זייערע הערשער, כדי מען זאָל זיי נישט קענען דערקענען. דער גרויסער עולם האט געלאַכט.

און יודען אין גלות איז געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער: זיי האבען דעם גלות נישט געקענט בעהערשען און נישט געקענט פון איהם פּטור ווערען.

אַלץ טיפער, אַלץ שטאַרקער האט זיך געבענקט נאָך זייער גרויסען עבר אין זייער פרייען אייגענעם לאַנד. וואָס ווייטער אַלץ קלאָרער איז פאר אַלע-מען געוואָרען אַז יודען האבען נאָר איין וועג: זיי מוזען זיך אומקעהרען אין זייער אייגען לאַנד, אין ארץ-יש-ראל און נאָר דאָרטען אויפבויענדיג זייער אייגענע מלוכה קענען זיי זיך אַרויסראַטעווען פון זייער תפיסה פון זייער גלות, און ס׳האבען זיך בעווי-זען ביי יודען פאַלשע משיחים וואָס האבען צוגעזאָגט די אומגליקליכע יו-דישע מאַסען אַרויסצופיהרען זיי פון גלות און אַריינפיהרען ביד רמה קיין ארץ-ישראל. דאס איז געווען דער אַל-געמיינער וואונש פון גאַנצען יודישען פאָלק. די פאַלשע משיחים האבען נישט געוואוסט ווי צו נעמען זיך פאר אַזאַ זאַך און האבען דעריבער נאָר פער-פיהרט דעם יודישען עולם, וועלכער האט דערפאר בעצאָהלט מיט ים׳ען פון טרערען און בלוט.

און עס זענען געקומען צום יודי-שען פאָלק די ציונים און האבען גע-זאָגט: „נאָר פון ציון קען קומען די ישועה פאר יודען". עס האט אָבער גאָט בעשטראָפט יודען. אונזער גע-בענטש און שיינע ארץ-ישראל, אונ-זער ארץ זבת חלב ודבש איז אין פרעמדע באַרבאַרישע הענד דערווייל געוואָרען אַ וויסטע קרענק און טויט-ברענגענדער מדבר. אַנשטאָט אונזער שיינעם ארץ-ישראל איז אַנטשטאַנען אַ ווילדער און מיאוסער ארץ - ישראל. לאָמיר איצטער גיין אַלע אין ארץ-ישראל. לאָמיר זיך מיט פעראייניגטע כחות נעמען פאר דעם שעהנעם און גלענצענדען אויפבוי-ווערק אין א״י. לאָמיר בעפרוכפּערן מיט אונזער שווייס און בלוט דאס הייליגע לאַנד און לאָ-מיר ווייזען דער וועלט דאס יודישע גאונות, וואָס יודישע אַרבייט און הת-מדה אינאיינעם מיט דער מסירת-נפש׳דיגער איבערגעבענקייט צו דעם יודישען פאָלק קענען שאַפען פון אַזאַ פערוואָרלאָזט לאַנד ווי די איצטיגע ארץ-ישמעאל!

מיט דעם דאָזיגען יודישען שאַפען-דיגען כח אין א״י וועלען מיר דער-אָבערען אונזער לאַנד, אונזער פריי-הייט און זעלבסשטענדיגקייט און וועלען שאַפען אַ ליכטיגען עתיד פאר אונזער אָרים פאָלק" און דאס פאָלק האט דערפיהלט דעם הייליגען ציוניס-טישען אמת אין די טיפסטע טיפעני-שען פון זיין נשמה.

די בעסטע זין און טעכטער פון אונזער פאָלק האבען אָנגעהויבען די אויפבוי - אַרבייט פון א״י מיט דער גרעסטער העלדישקייט, אָפּגעבענדיג זייער שווייס און בלוט, זייער געזונד אין לעבען פאר זייער פאָלק.

נאַראָנים האבען געלאַכט ווי זייער שטייגער איז, און פון די פערלאָזענע חורבות פון ארץ - ישראל האבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען נייע, שעה-נע שאָפּונגען פון דעם נייעם ארץ-ישראל.

די אַרבייט האט זיך לאַנגזאַם אָבער פעסט, זיכער און שעהן גערוקט פאָ-רויס.

* * *

און עס האט זיך פערענדיגט די וועלט-מלחמה. דער דייטש, וואָס האט דעם דאָזיגען פלאַם פייער פונאַנדער-געבלאָזען, כדי צו קענען ווייטער און אין אַ גרעסערער מאָס אויסזויגען דעם „מזרח" אלס ריזיגע קאָלאָניע, ווי זיין ווילד-אכזריות׳דיגער פּאַראַזיטיש - אימ-פּעריאַליסטישער שטייגער איז ביז דאַן געווען — דער דייטש איז געלעגען אונמעכטיג און האט זיך געמוזט אונ-טערוואַרפען די אָפּעראַציע פון ווער-סאַלער שלום טראַקטאַט. די וועלט האט שווער, אָבער צופרידען אָבגעאָטעמט.

ענגלאַנד האט זיך שטאַרק געטוי-טיגט אין הילף פון אַמעריקא און נאָכמעהר פון די אַמעריקאַנער יודען. עס האט זיך אַזוי אַרום אָנגעהויבען אַ דערנענטערונג צווישען דעם „פאָלק פון דער ביבעל מיט דעם ביבלישען פאָלק". עס האט זיך געשאַפען אַ מאַנ-דאַט פון ענגלאַנד איבער א״י און די בעריהמטע „באַלפור - דעקלאַראַציע". דער מחבר פון דער דאָזיגער דעקלאַ-ראַציע, לאָרד באַלפור האט געהערט צו די קרישטאַל-ריינסטע מענשען פון די חסידי אומות העולם פון זיין צייט.

די ענגלישע מלוכה-מענער און הע-כערע בעאַמטע האבען על פּי רוב נישט געהאַלטען פון דעם ציוניזם: די ציוניסטען האבען זיי געהאַלטען פאר שלימזל׳דיגע בעלי חלומות און בטלנים. זיי האבען אָבער געמאַכט אַ גוטע מינע צו אַ בייזער שפּיעל: מען האט גערעדט און געשריבען מכח דעם גרינדען אַ יודיש נאַציאָנאַלע היים אין א״י; מען האט אָבער אין דער ווירק-ליכקייט געשטיצט און געשיצט על פּי רוב די אַראַבער געגען יודען.

וואָלט די יודיש נאַציאָנאַלע היים געשטאַמט פון די ענגלענדער, וואָלט זי שוין באַלד פון אָנהויב אומגעפאַלען. צום גליק איז זי געווען אַ ריינע עמאַ-נאַציע פון יודישען גייסט וואָס איז געוואַקסען פעסט און טיף אין דער יו-דישער נשמה. דער רעיון פון אַ „יודיש-נאַציאָנאַלער היים אין א״י" איז געווען דער פיהרענדער רעיון וואָס האט בע-פרוכפּערט די גאַנצע יודישע אַרבייט אין א״י און האט די יודען געגעבען די מעגליכקייט פון שאַפען אַ וואונ-דערבאַרע היסטאָרישע עבודות אין א״י, נישט קוקענדיג אויף דער אַלץ שטייגענדער געגענווירקונג הן מצד די אַראַבער און הן מצד די ענגלענ-דער.

און עס איז באַלד געוואָרען קלאָר פאר אַלעמען, אַז גערעכט זענען גע-ווען נישט די „חכמים" וואָס האבען זיך בענומען מיט אומצוטרוי און חוזק-מאכעריי פון דער יודיש נאַציאָנאַלער

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

נאָכ׳ן טאַראַראַם...

מען דאַרף אָבגעבען א שבח צו די הימלען, אַז מיר האַלטען שוין נאָכ׳ן טאַראַראַם, נאָכ׳ן וואַהל-יריד.

וואַהל-קאַמף שאַפט פאר מאַנכע עמאָציע. מענשען האבען ליעב, ווען מען קריגט זיך אַרום, זיי לויפען אויף די וואַהל מיטינגען מיט דער כונה נישט צו הערען די רעדנער אָדער בצוואָוסטזיניג צו ווערען (ווייל יעדער וואָס געהט אויף אַזאַ וואַהל-פערזאַמלונג, ווייסט פון פריהער פאר וועמען ער וועט שטימען), נאָר גיכער לויפט ער אויף אַזאַ „וויעץ", כדי צו הערען ווי די צדדים ווילען זיך אַריינזאָגען איינער דעם אַנדערען און ער, דער צושויער, וועט מקבל נחת זיין. פּאַק-טיש אָבער איז דער וואַהל-קאַמף, אי-בערהויפּט אויף דער יודישער גאַס, אַנ׳אומגליק, עס צורייצט די געמיטער, פערשאַפט בייז בלוט און ס׳קומט אונז נישט צו קיין שטיק געזונד אין דער אַזוי-אויך פערשטיקטער אַטמאָספערע.

די קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע איז ווערט אַ שבח פאר איהר נאַציאָנאַלען טהאַט און זי דאַרף בעקומען אַנערקע-נונג פון דער גאַנצער יודישער בע-פעלקערונג.

א טעות געהאט...

אין איין דרוקעריי ווערען געדריקט פערשידענע וואַהל אויפרופען, זאָל מען זאָגען פון „בונד", פון בלאָק און פון די קליינהענדלער. שפּעטער צושניידט מען דאס און מען וויל עס אויס׳סדר׳ען און יעדען בלאָק צושיקען זיין פּעקיל. האבען אָבער די פּאַרטיי-לידער נישט קיין צייט נאָר זיי שטעהען שוין און ווילען כאַפּען הייסע בייגעל פון אויווען אַרויס.

ווי זאָגט אָבער דאס שפּריך-וואָרט, אַז מען בריהט זיך אויפ׳ן הייסען, בלאָזט מען אויפ׳ן... ווי די פּאַרטיי-לידער האבען איינדערהיים אויפגעפּאַקט די פּעקלעך, האבען זיי געזעהן זייער בראָך, דער וואַהל-בלאָק האט געהאַט בונדישע אויפרופען, די קליינהענדלער — בלאָק אויפרופען און דער „בונד" — קליינהענדלער-אויפרופען. דערנאָך האט געדויערט ביז מען האט אויס-געגלייכט דעם טעות...

אָרימע, צי רייכע „גוים"...

די פרומע יודען, די אַזוי גערופע-נע אָרטאָדאָקסען, האבען נישט געהאַט זייערס אַ קאַנדידאַט צום שטאָדט-ראַט, נו, איז עס זיי נישט אַזוי געגאַנגען אין לעבען ווער עס שטעהט אויף דער ליסטע. ביי אַזאַ יודען זענען סיי די קאַנדידאַטען פון בלאָק, סיי די קאַנ-דידאַטען פון בונד „גויים", איז בעת עס זענען צו איהם אַריינגעקומען אַגי-טאַטאָרען האט דער פרומער יוד אַ פרעג געטהון: „זאָגטס נאָר חברה, פון וועלכע „גויים" זענט עטץ, פון די רייכע „גויים" צי פון די אָרימע „גויים"? אויב פון די אָרימע, ביטע זעהר, וועל איך שטימען, ווייל אויב אַלע קאַנדידאַטען זענען „גויים", וועל איך שוין בעססער שטימען פאר די אָרימע „גויים"...

פאר וועמען האט דער „מזרחי" געשטימט?

מילא, אַז די קליינהענדלער האבען געהאט אַנ׳אייגענע ליסטע, האט דער „מזרחי", וועלכער איז ברוגז געוואָרען אויפ׳ן חזן, נישט געוואָלט זאָגען קיין אמן אויפ׳ן בלאָק און צוגעזאָגט צו שטימען פאר די קליינהענדלער. אינ-דערצייט אָבער, ווען די קליינהענדלער האבען צוריקגעצויגען זייער ליסטע, טאָ פאר וועמען האבען די מזרחיסטען געוועהלט?

ס׳זענען אפילו פערהאַנען שמועות, אַז די מזרחיסטען האבען בעקומען אַ בעפעהל אינגאַנצען נישט צו שטימען... דאס לאָזט זיך אָבער נישט גלויבען. איך אַליין ווייס פון עטליכע מזרחיס-טען, וועלכע האבען צו להכעיס דעם בלאָק געשטימט פאר׳ן „בונד", אָבער וועגען אַלע קאָן מען דאָך דאס נישט זאָגען, פאָרט יודישע ציוניסטישע הער-צער, זייער געוויסען האט דאָך זיי געפּלאָגט, וואָס זיי זיצען רוהיג, בעת דאס גאַנצע טשענסטאָכאָווער יודענ-טום קעמפט פאר זייערע רעכט צום לעבען, טאָ איז דאָך די פראַגע נאָך שאַרפער, פאר וועמען האט דער „מז-רחי" פאָרט געשטימט?...

אָט פאר וואָס זי הייסט דייטשע שוהל...

איך האָב קיינמאָל נישט פערשטא-נען, פאר וואָס מען רופט די סינאַגאָ-גע אויף דער ווילסאָנאַ גאַס דייטשע שוהל, אַז קיין דייטשען דאַווענען נישט דאָרט, נאָר בלויז יודען, נישט אַזעל-כע הייסע יודען, אָבער פאָרט יודען. רעדען רעדט מען דאָרט אויך נישט קיין דייטש, נאָר פּויליש, וואָס אַסך מתפללים פערשטעהן אפילו נישט, אָבער אַז מען רעדט איז דאָך פערפאַלען... טאָ פאר וואָס דען רופט מען זי דיי-טשע שוהל? ערשט די לעצטע צייטען איז מיר די זאַך קלאָר געוואָרען און אָט פאר וואָס:

אין דער אויבענדערמאַנטער שוהל קומען וואָס אַמאָל אַלץ ווייניגער מת-פללים. עס האט נישט געהאָלפען דאס, וואָס מען האט אין דער דאָזיגער סי-נאַגאָגע איינגעפיהרט אינאָוואַציעס. דער עולם אין יענער סינאַגאָ-גע קומט נישט צום דאַווענען און פער-טיג. האָלט דערביי, אַז שבת זאָל דאָרט אפילו נישט זיין קיין מנין, האט גאָט צוגעשיקט די רפואה פאר דער מכה, זענען פערהאַנען אין טשענסטאָ-כאָוו אַביסעל פּליטים, צופיעל צו עסען האבען זיי נישט, געהען זיי כאָטש דאַווענען און דאס אין דער סינאַגאָ-גע. און היות ווי די דאָזיגע פּליטים, וועלכע זענען איצט דער רוב מנין ובנין פון די מתפללים פון דער שוהל רעדען דייטש, ווערט די שוהל אָנגע-רופען אויף זייער נאָמען: דייטשע שוהל.

א וואונדער איז אָבער, וואָס מען האט עס פאָראויסגעזעהן און באַלד פון אָנהויב האט מען געוואוסט, אַז אין דער שוהל וועלען נאָר דאַווענען פּלי-טים און מען האט איהר באַלד אַ נאָ-מען געגעבען דייטשע שוהל...

ער האט א נאַטור צו חלש׳ן...

פערהאַנען ביי אונז אין שטאָדט אַ אויפגעקומענער גביר, אַ לאָטעריע-עושר, האט איהם דאס דאס געלד אַזוי פערקלעמט ביים האַרצען, אַז טאָמער קומט עמיצער צו איהם נאָך אַ נדבה, פאַלט איהם דאס האַרץ אַוועק און ער חלש׳ט באַלד אויפ׳ן אָרט.

דאָס איז נישט קיין וויץ. אָט דער-צעהלט מיר א ציוניסטישער טהוער, וועלכער האט צוזאַמען מיט׳ן שליח פון קרן-היסוד געזאַמעלט געלד. ווען זיי זענען געקומען צום דאָזיגען גביר האט ער אָנגעהויבען צו „חלש׳ן", און

היים, נאר די „יודישע בטלנים" און די יודישע „בעלי־חלומות" וואס זענען געווען זיכער, אז די יודישע נאציאנעלע היים אין א"י בעדייט די לעזונג פון דער יודישער שאלה אין דער גאנצער וועלט.

דער יודישער כוח און די יודישע אויפבוי־ווערק אין א"י האבען גענומען אנוואקסען אזוי שטארק, אזוי שעהן אהן רעש, אז נישט נאר די אראבישע נאציאנאליסטען, נאר אויך די ענגלענדער האבען זיך דערשראקען. זיי האבען אזוי אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז דא איז דאס ארט, דאס איינציגע ארט, וואו יודען וועלען זיך נישט אבשטעלען פאר קיין קרבנות, כדי צו שאפען א וואונדער שעהנע יודישע נאציאנאלע היים, וואס זאל דינען אלס מוסטער פאר דעם גאנצען נאהנטען מזרח!

* * *

דער חורבן פון דער נאכ'מלחמה'דיגער אייראפא און די לאנגדויערענדע עקאנאמישע, ווירטשאפטליכע פינאנסיעלע געזעלשאפטליכע און פאליטישע קריזיסען, וועלכע זענען אין איהר באלד נאך דער וועלט־מלחמה אויסגעבראכען — האבען גורם געווען צו דעם ענטשטיין פון א ביז גאר פערשארפטער קאנקורענץ צווישען די פעלקער, גרופירונגען און יחידים די דאזיגע קאנקורענץ האט ארויסגערופען א שטארקע שנאה צו דעם „פרעמדען" בכלל און צו דעם יודען בפרט. א ווילדער שטורעם פון שנאה צו יודען האט זיך באלד ארויסגעריסען מיט א נישט דערהערטען כוח און ווילדקייט און מיט א מאניאקאלישער ליידענשאפט פון א משוגענעם משחית — אין מיטעל אייראפא. דער דאזיגער שטורעם האט אנגעטהון גרויסע חורבנות און האט אנגעזאגט נאך גרעסערע.

און די וועלט האט אנגעהויבען פערשטעהן די פרוכטלאזיגקייט פון דעם ביז איצטיגען קאמף געגען אנטיסעמיטיזם. און די וועלט האט אנגעהויבען פערשטעהן, אז דער יודישער אויפבוי־ווערק פון א"י איז — דער איינציגער זיכערער, און פאר אלעמען גליקליכער, מיטעל — שעהן און יושר'דיג צו לעזען די יודישע שאלה!

גרויס־בריטאניען אבער, וואס האט זיך געפיהלט בעדראהט אין איהר קיום, האט געמאכט די גרעסטע מיליטערישע און פאליטישע אנשטרענגונגען, כדי צו בעהערשען די לאגע. צווישען אנדערע האט זיך גרויס בריטאניען געפיהלט בעדראהט אין דעם פאר איהר וויכטיגען טייל פון ים־התיכון מצד די שטארק געגען איהר אויפגעהעצטע אראבישע מלוכות.

און גרויס בריטאניען האט פערראטען, די יודען אין דעם פאר זיי שווערסטען און סכנות'דיגסטען היסטארישען מאמענט, ווען די דעמאקלשווערד איז געהאנגען איבער זייערע קעפ. גרויס בריטאניען האט געשאפען ארום זיך א בונד פון אראבישע מלוכות און האט זיך דערביי אבגעזאגט פון דעם א"י־מאנדאט אויך, פערשטעהט זיך, פון דער באלפור־דעקלאראציע, איבערגעבענדיג מיט נישטיגע בעווארענישען דעם גורל פון א"י אין אראבישע הענד.

די ליכטיגע האפנונג פון אנ'אומגליקליכען פאלק וואס איז פער'משפט זייט צוויי טויזענד יאהר אויף פערפאלגונגען און צרות וואס האבען זייער גלייכען אין דער געשיכטע נישט, די דאזיגע האפנונג אויף א ליכטיגען עתיד אין דעם איינציגען לאנד וואס איז נאר מעגליך, אין א"י האט ענגלאנד געפרובט אויסלעשען. די יודישע שווייס, בלוט טרעהרען און העלדישע מעשים מיט וועלכע יודען האבען אין דעם פרעכטיגען נייעם ארץ־ישראל האט ענגלאנד געוואלט פערניכטען.

* * *

דערויף ענטפערט דאס יודישע פאלק פון דער גאנצער וועלט.

נישט ענגלאנד האט אונז געבראכט און געקענט ברענגען קיין א"י און נישט זי קען אונז פון דארטען פערטרייבען. געפיהרט אין א"י האט אונז אין משך פון כמעט צוויי טויזענד יאהריגען גלות דער מערקווירדיגער יודישער פאלקס חוש אדער פאלקס אינטואיציע, וואס האט געפיהלט און שפעטער אויך פערשטאנען, אז נאר אין א"י קען און מוז די יודישע שאלה געלעזט ווערען! און כל־זמן מיר יודען לעבען וועלען מיר נישט אויפהערען צו געהן דעם דאזיגען וועג! די בגידה פון גרויס בריטאניען קען נאר צייטווייליג פערערגערן אונזער לאגע. מיר וועלען אבער אנשטרענגען אונזערע כוחות, כדי צו פיהרען אונזער אויפבוי ארבייט אין א"י מיט נאך מעהר עקשנות און גאונות, ווי ביז איצטער. דער ישוב פון א"י איז און בלייבט דער גלענצענדער אוואנגארד פון דעם גאנצען וועלט־יודענטום. פאר גוויאנא זאל זיך ענגלאנד זוכען ערגיץ אנדערש קאטאזשנע ארבייטער. מיר זענען און וועלען פערבלייבען נאר אין א"י וואו מיר מוזען און וועלען זיך דורכברעכען א וועג צו דעם ליכטיגען עתיד פון אונזער גרויסען, ארימען פאלק.

„דאס פאלק פון ביבעל" האט א"י פערראטען! „דאס ביבלישע פאלק" וועט עס קיינמאל נישט פערראטען! אהן ענגלאנד אויב עס וועט זיין נויטיג אפילו געגען ענגלאנד, וועלען מיר יודען ביד רמה פיהרען אונזער אויפבוי־ארבייט אין א"י אלץ ווייטער און אלץ שענער.

פרייט זיך נישט שדים, מיר וועלען פערשיטען אייער בלאטע.

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

נשא

יברכך ד' וישמרך

צום א—ר רבי'ן איז געקומען א חסיד און זיך בעקלאגט, אז עס איז ביי א'יהם נאר א טייל פון ברכת כהנים מקיים געווארען, דער יברכך — ווי דער מדרש זאגט: גאט זאל דיך בענשען בבנים — מיט זיהן, ער האט ב"ה זיעבען זוהן איינער גרעסער ווי דער אנדערער, דאגעגען דער וישמרך — מן המזיקין, איז ביי איהם נישט חל, דען די זיהן זענען גרויסע מזיקין, מאכען איהם אן אין דער שטוב שאדענס, קריגען זיך ארום גאנצע טעג, בעט ער דעם רבי'ן, אז ער זאל פאר איהם מתפלל זיין, דאס ער זאל אבגעהיטען ווערען פון די מזיקין. דערויף האט איהם דער רבי געענטפערט: די ברכת כהנים געהען נאך ווייטער: יאר ד' פניו אליך — באור תורה — אויב דו וועסט דיינע קינדער ערציהען אין גייסט פון תורה־בילדונג, דאמאלס ויחונך — יחון אותך בבנים, וועסטו וויסען, אז דו האסט קינדער, וועלכע וועלען פאר דיר דרך ארץ האבען און נישט זיין קיין מזיקין, וישם לך שלום — ערשט דאמאלס וועסטו האבען ביי דיר אין דער שטוב שלום — פרידען און די קינדער וועלען זיך מעהר נישט ארומקריגען צווישען זיך.

יברכך — בבנים וישמרך — בבנות

געווען א יוד א מטופל, פון עטליכע צעהנדליגער טויזענד זלאטעס, גלייכצייטיג אויך מיט זעקס טעכטער. בלויז אויף נדנ'ען, חתונה־אויסשטייער און הוצאות החתונה איז איהם דאס גאנצע פערמעגען'ס אוועקגעגאנגען און ער איז נאך געבליבען א בעל־חוב, געהאט האט ער אויך א שכן נישט קיין גרויסען גביר, וועלכער האט פערמאגט אבער א שטאב זיהן. און יעדער מחותן האט איהם נאך ארויסגעצאהלט אויף חתונה־אויסגאבען אזוי אז עס איז איהם איבערגעבליבען א שעהנע סומע אויף נאך דער חתונה. דער געוועזענער גביר האט זיך בעקלאגט פאר א בעקאנטען אויף זיין גורל און געזאגט: יעצט פערשטעה איך דעם מדרש: יברך ד' בבנים, גאט זאל דיך בענשען מיט זוהן, אויב דיינע קינדער וועלען זיין זוהן נישט בלויז וואס עס וועט דיך נישט קאסטען קיין געלד, נאר די וועסט נאך דערביי פערדינען, וישמרך — בבנות, ער זאל דיך אבהיטען פון טעכטער דען ביי זיי קענסטו פערלירען דיין גאנץ פערמעגען און נאך בלייבען א בעל־חוב, דאס מיינט די גמרא: אוי לו למי שבניו נקבות.

וישם לך שלום

מיר זעהען, אז דער יוד בעט כסדר אין זיינע תפלות ווענען שלום. עטליכע מאל אין טאג זאגט ער: שים שלום טובה וברכה — זאל דער רבש"ע אונז צושיקען א גוטען שלום, ביי קדיש לאזט ער אויס: עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו — גאט מאכט שלום אין הימעל, זאל ער אויך אונז צושיקען א שלום אויף דער ערד, פרייטאג צו־נאכט'ס, ווען ער קומט אהיים פון דאווענען, נאך פאר'ן קידוש, זאגט ער צו די מלאכי השרת: באכם לשלום, צאתכם לשלום — מיט פרידען זאלט איהר קומען, מיט פרידען זאל איהר אוועקגעהען, שבת צו זמירות זאגט ער זיך צו: מלך שהשלום שלו ישום עלינו ברכה ושלום. קיין שום אומה לעכצט נישט אזוי נאך שלום ווי דער יוד. דאך אבער איז ביי קיין שום פאלק נישטא אזוי פיעל בעלי מחלוקות און מחרחרי ריב ווי ביי יודען. דאס בענשען די כהנים: יברכך ד' — וישם „לך" שלום, ווענען שלום אויף דער וועלט בעטען אלע יודען, ווי עס איז שוין דא אויסגערעכענט, די כהנים בענשען, נאר אז דער שלום זאל זיין „לך" — ביי דיר, דו זאלסט נישט זיין קיין בעל־מחלוקה, פיהרען פלאטקעס, אנרייצען איינעם אויף דעם צווייטען, דאס איז דער וואונש און כוונה פון די כהנים ביי זייער ברכה.

באכם לשלום — צאתכם לשלום

געווען אין ווארשא א תלמיד חכם משה ליב ר—ד. אויף דער עלטער האט ער חתונה געהאט מיט א בת ת"ח, וועלכע איז געווען אנ'עקרה. פרייטאג־צו־נאכט'ס איז ער אהיימגעקומען פון דאווענען געזאגט מיט גרויס כוונה דעם „שלום עליכם". ווען ער האט שוין געענדיגט, רופט ער זיך אן צו זיין קרוב, וועלכען ער האט בעקומען אויף שבת צו גאסט. עס וועט דיר זיכער וואונדערן, וואס איך האב די מלאכים אזוי שנעל אבגעפערטיגט און נישט געבעטען צום טיש, ווי אונזער זיידע אברהם אבינו האט געטהון. מוז איך דיר ערקלערען, אז טאקי צוליב דעם זיידען האב איך די מלאכים אוועקגעשיקט פאר דער סעודה, דען נאכדעם ווי אברהם האט פאר זיי אנגעגרייט פון כל טוב און די מלאכים האבען איהם געוואלט דערפאר אבדאנקען, זעהענדיג, אז שרה איז אנ'עקרה, האבען זיי איהם געווינשען כעת חי' ולשרה בן — אין א יאהר ארום זאל שרה האבען א זוהן, און אזוי איז טאקי געווען. אברהם האט געמוזט אויף דער עלטער זיך פערנעמען מיט א קליין קינד. פערשטעה איך דאך, אז ביי מיר וועט אויך זיין דאס זעלבע, די מלאכים וועלען מיין ווייב בענשען מיט א זוהן. שטעל דיר פאר — זאגט ר' משה ליב צום גאסט — צו זיבעציג יאהר וועל איך מיך דארפען שפיעלען מיט א קינד, נישט קענען שלאפען, מיין ווייב וועט דאך אודאי זיין מיט איהם פערנומען, איך וועל נישט בעקומען צו דער צייט קיין מיטאג, דעריבער וויל איך מיט די מלאכים נישט זיין קיין צו גרויסער מחותן, נאר באכם לשלום צאתכם לשלום, געהט אייך געזונדערהייט און בענשט מיך נישט צופיעל.

כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא

דעם לאדזער רב ר' אליהו חיים מייזל ז"ל האט אמאל א משכיל געפרעגט: אויב יעדער יוד האט א חלק לעוה"ב, מעג אויך זיין דער גרעסטער בעל־עבירה. נאך וואס דארף איך מיך פייניגען מיט דאווענען, פאסטען און אנדערע מצוות ומעשים טובים, אין דער צייט ווען איך בעקום א חלק עו"הב, אזוי גוט ווי דער רב. דערויף האט איהם ר' אליהו חיים ז"ל געענטפערט מיט א משל: א יוד האט געקויפט אנ'אקציע פון דער זשירארדאווער מאנופאקטור־פאבריק. גלייך צומארגענס איז ער געקומען אין דער פאבריק און געטראפען, ווי אנ'ארבייטער איז געקומען ארבייטען מיט א האלבע שעה שפעטער פון זמן. דער „אקציאנער" האט זיך צעבייזערט אויף איהם פארוואס ער קומט אזוי שפעט. דאן איז ער געגאנגען אין קאנטאר וואו עס געפינט זיך די בוכאלטעריע. זעהענדיג ווי די בעאמטע רעדען צווישען זיך אין מיטען דער ארבייט, האט ער אויף זיי אנגעשריגען, הלמאי זיי נעמען געלד און פערנאכלעסיגען זייער אמט. צום סוף איז ער אריין אין קאבינעט פון דירעקטאר און זיך געהייסען ווייזען די ביכער. אויף דער פראגע פון דירעקטאר, מיט וואס פאר א רעכט ער פערלאנגט דאס, האט ער געוויזען אנ'אקציע דאס ער איז א שותף פון געשעפט. דער דירעקטאר האט איהם געהייסען צוווארטען, אנגעקלינגען אויפ'ן שומר און בעפוילען איהם ארויסצוווארפען פון די טרעפען. דאס זעלבע האט ר' אליהו חיים געזאגט איז דא. יעדער יוד האט (א חלק) אנ'אקציע אין עולם הבא, דער, וואס טהוט א סך מצוות ומעשים טובים האט מעהר אקציעס און טאקי אויך א דעה אין עו"הב, דער פושע ישראל אבער, וואס זיין איינציגע מצוה איז מילה אדער עהנליכעס, האט נאר איין אקציע אדער עטליכע דערין, צום עו"הב אבער האט ער נישט קיין שליטה.

ר' חיים בריסקער האט אויף דער זעלבער פראגע אזוי געענטפערט: דער פשט איז „כל" ישראל — אלע יודען צוזאמען, דאס הייסט דער כלל ישראל, האט עולם הבא, ווי דער תנא זאגט: ועמך כלם — אלע יודען צוזאמען, ווען אלע זענען פעראייניגט צדיקים — זענען זיי צדיקים און קענען אלץ אדורכפיהרען. דער אבער, וועלכער איז א רשע און טהוט אלעס בייז — בלייבט טאקי א רשע.

עס האט געדויערט העכער א שעה צייט ביז מען האט איהם דערמינטערט. אויפקומענדיג און זעהענדיג, אז די קרן־היסוד־משולחים זענען נאך נישט אוועק, האט ער אויפסניי אנגעהויבען צו חלש'ן.

יענע וואך זענען ווידער ביי דעם דאזיגען פערשוין געווען צוויי שליחים פון פעראייניגטען וואהל־בלאק נאך א פאר גילדען און ווידער די זעלבע חתונה — אזוי ווי ער האט נאר דערהערט, אז זיי ווילען א פאר גילדען, האט ער שוין בעקומען חלשות קאנוואולסיעס און אט־אט חלש'ט ער. היות אבער ווי די שליחים האבען שוין פון דעם געוואוסט, האבען זיי איהם געראטען, אז ער זאל זיך אויפהאלטען אביסעל, ביז זיי וועלען אוועקגעהען און דאן קאן ער זיך געזונטערהייט חלש'ן... יענער גביר אבער האט אזא נאטור צו חלש'ן נאר דעמאלס, ווען מען קומט צו איהם נאך געלד, ווען מען לאזט איהם אבער צו רוה, חלש'ט ער נישט, איז ער געזונד און שטארק.

וואס איז ער נעביך שולדיג, אזא גאטס שטראף אויף איהם, ער האט א נאטור צו חלש'ן...

וואס זאגט ד"ר מיקולסקי?...

ער איז זעהר פאפולער אין די יודישע קרייזען, מען האלט איהם פאר אנ'אוהב ישראל און אפשר איז ער עס טאקי געווען, איז אבער אנגעקומען די לעצטע „איינשטעלונג" לגבי יודען, איז אויך אונזער ד"ר מיקולסקי אריינגעצוינגען געווארען דערין.

מען דערצעהלט, אז ווען די פראקציע פון „אזאן" אין שטאדט־ראט האט געשיקט א דעלעגאציע צום שטאדט־פרעזידענט ווענען אויסשטרייכען די לעצטע איבערגעבליבענע יודישע סובסידיעס, איז אין דער שפיץ פון דער דעלעגאציע געגאנגען דער זעלבער „אוהב ישראל".

ד"ר מיקולסקי ארבייט נאך ביז'ן היינטיגען טאג אין יודישען שפיטאל פאר האנאראריום, ד. ה. אז ער האט הכנסות פון דער יודישער אינסטיטוציע, ווען ער האט נעבעטען צו שטרייכען די אונטערשטיצונג.

איך דערצעהל דאס אקעגען דעם, וואס דער זעלבער ד"ר מיקולסקי האט ארויסגעשטעלט זיין קאנדידאטור צום שטאדט־ראט אין צעהנטען וואהל־קרייז, ד. ה. אין עכט־יודישען צענטער, דאס איז פערשטעהט זיך געווען אנ'אויסרעכנונג צו ווירקען אויף די נאאיווע יודען, אז זיי זאלען שטימען פאר דעם יודען־פריינד ד"ר מיקולסקי.

דער „אזאן", וועמענס קאנדידאט עס איז ד"ר מיקולסקי, האט ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף צו דער זעלבער וועהלער־און זאגט זיי צו צו קעמפען אין שטאדט־ראט אבצורייניגען טשענסטאכאוו פון יודען.

עס איז טאקי נישט צו פערשטעהן. פון איין זייט ארבייט ד"ר מיקולסקי אין א יודישער אינסטיטוציע, וואו ער בעקומט געהאלט, ער שטעלט זיך ארויס אין יודישען געגענד אין וויל, אז יודען זאלען פאר איהם וועהלען, פון דער צווייטער זייט געהט ער אין דער שפיץ פון א דעלעגאציע, אז מען זאל שטרייכען די יודישע סובסידיעס און שרייבט צו די וועהלער, אז ער וועט קעמפען צו ענטיודישען טשענסטאכאוו.

אט אזוי זעהען אויס די מעשים פון אונזערע גוטע פריינד...

די וואהל־פראוואקאציע.

דער איינהייטליכער יודישער בלאק האט ארויסגעשטעלט א רייהע קאנדידאטען, וועלכע ער האט געפונען פאר פאסענד צו זיין די שליחי־ציבור פון יודישען טשענסטאכאו. ער האט אבער אויך פערשטאנען אויסצומיידען די יעניגע, וועלכע זענען שעדליך פאר'ן יודישען טשענסטאכאוו, וואס סא'יז ענטוזיאסטיש אויפגענומען געווארען פון אלע.

אין דעם פאל האנדעלט עס זיך ווענען דעם־ טרויריג • בעריהמטען „העלד", וועלכער האט די חוצפה צו זאגען, אז ער פערטרעט די היגע „מזרחי", איז ער נעפאלען אויף א פלאן און אבגעארבייט א פראוואקאטאריש שטיקעל ארבייט. ער מיט זיינע שאלאטען־שמשים האבען ארויסגעלאזט צעטעלעך אין 10־טען און 11־טען וואהל־קרייזען און ארויסגעלאזט די נעמען פון די פערדינסטפולסטע געזעלשאפטליכע טהוער פון פרעזעס ראזענבערג און לאוניק שפירא.

מען האט זיי טאקי באלד געכאפט ביי דער האגד, אבער אינטערעסאנט איז אויף וואס פאר א פראוואקאטארישע שטיקלעך אט דער „העלד" האט זיך געלאזט.

דער רעגען געהט און דער עולם שטעהט...

אין א טייל וואהל • אבוואדען אין יודישען געגענד האט מען געמאכט גרויסע שוועריגקייטען, מען האט פשוט געפסל'ט שטימען הורטעם, אזוי אז א סך הונדערטער יודען זענען אוועק און כאטש זיי זענען געווען פערשריבען אין די וואהל־רשימות, האבען זיי דאך נישט געוועהלט.

זענען די שטערונגען געווען נאך ווייניג. האט זיך געמאכט נאך אנ'אנדערע סיבה: אין מיטען, אזוי ווי עס שטעהען גאנצע רייהען, הויבט פלוצים אן צו רעגענען, טאקי א מאי־רעגען, אבער פארט א רעגען און ער געהט מיט שטורם, מיט טעמפעראמענט, אזוי ווי, להבדיל, א וואהל־רעדנער, וועלכער האט זיך צוהיצט אויף דער טריבונע. דער עולם שרעקט זיך נישט אב, מען אנטלויפט נישט, נאר מען בלייבט ווייטער אויפ'ן פלאץ. דער רעגען געהט און דער עולם שטעהט...

צו וואס טויג עס אייך...

ס'זענען געווען יודען, וועלכע האבען אויך געוואלט וועהלען אפילו אין די וואהל ראיאנען, וואו קיין יודען זענען נישט ארויסגעשטעלט. פאר וועמען? דאס איז זייער זאך. זיי זענען דאך בירגער און האבען דאס רעכט אויסצונוצען זייער בירגער־רעכט. זענען אבער אוועקגעשטעלט געווארען באיובקעס, וועלכע האבען זיי נישט צוגעלאזט צו דער וואהל • אורנע און ווען עטליכע יודען, למשל פון דער יאסקראווסקע גאס, האבען זיך אקעגענגעשטעלט, האט מען זיי מיט „זאכליכע" ארגומענטען געצווינגען צוריק אהיימצוגעהן, דערביי האט יעדער איינער בעקומען צרה לדרך, איינער מיט א שטעקען, דעם צווייטען האט מען זאגאר געוויזען א מעסער און ביי א דריטען האט מען זיך געבארגט דעם קאפעלוש...

אסך יודען האבען זיך אפילו געוואנדען צו די ארדנונגס • היטער נאך שוץ, אזוי ווי ס'זענען אבער געווען וואהלען האבען זיי נישט קיין צייט געהאט זיך צו פערנעמען מיט אזעלכע „קלייניגקייטען" און גערעטען בעסער די יודען אהיימצוגעהן מאטיווירענדיג, אז פאר יודען איז דאס בעסטע ווען זיי זיצען אינדערהיים, אשרי יושבי ביתך... און געדעכט זענען זיי באמת, דען צו וואס טויג עס זיי...

לויתן

מרדכי קויפמאן

דער מוסר = השכל.

פערבלענדעטע, ענגע, דאן-קישאטישע פארטיי - פאנאטיקער, וועלכע קוקען אויף זייער אייגענעם און ארומיגען לעבן דורך טונקעלע ברילען, האבען געפרובט טרעפען און נביאות געזאגט:

„דער אלגעמיינער יודישער בלאק וועט ליידען א מפלה און וועט הכל-הכס טענס אדורכפיהרען 2 מאנדאטען".

דאס נביאות איז נישט מקוים געווארען.

דאס יודישע טשענסטאכאוו האט זיך מיט די איצטיגע וואהלען אויסגעשטעלט אנ'עטעסטאט פון געזעלשאפטליכער און פאליטישער רייפקייט. האט בעוויזען, אז די יודישע ברייטע פאלקס מאסען זענען נישט ווי יענע שעפעלעך, וועלכע לאזען זיך פיהרען פון יעדען פאסטוך. דאס יודישע טשענסטאכאוו — אין געגענזאץ צום קריסטליכען טייל וועהלער — האט זיך נישט געלאזט איינוויגען, ווי קינדער, מיט שעהנע, באמבאסטישע פראזען.

אוועק זענען די צייטען, ווען מען האט געקענט קומען צום יודישען וועהלער מיט וואלקענקראצישע לאזונגען: „ווילט איהר האבען בחינמ'דיגע וואוינונגען, נדנים פאר די טעכטער. אויסשטייער'ס א. אז. וו. — שטימט פאר דער ליסטע"...

דאס טשענסטאכאווער יודענטום האט זיך אנגעגעבען א קלארען דין וחשבון ווער עס זענען די אמת'ע פארטיידיגער פון זייגע לעבענס - אינטערעסען און איז געגאנגען צו די וואהל - אורנעס בעוואוסטזיניג, מיט'ן פולען אחריות צום זיעג פון דער אלגעמיינער יודישער זאך.

אנדערש האט עס גארנישט געטארט און געקענט זיין.

מיר זענען ארומגערינגעלט און בעלאגערט פון אלע זייטען מיט יודענפרעסער, וועלכע שטעלען זיך גישט אב פאר קיין שום זאך אונז מיט'ן ווארצעל אויסצוראטען, אלע מיטלען זענען ביי זיי כשר און הייליג. זיי, די ענדעקישע „פאטריאטען", וועלכע זענען ערשט נעכטען געווען אזעלכע הייסע חסידים פון היטלער'ן און געגלויבט באמונה שלימה, אז פון „איהם" וועט קומען זייער הילף, האבען איבער נאכט, שמעקענדיג ווי דער ווינד בלאזט, אויסגעפונגען די סאמע נייעסטע המצאה, אז יודען זענען גאר היטלעריסטען און פריינד פון היטלעריזם, דעריבער דארף מען אונז פיינד האבען. די כונה דערפון איז קלאר און צו דורכזיכטיג: נישט האבענדיג אליין קיין רעאלען פראגראם, קיין שעפערישע אידעע מיט וואס צו שפייזען די פינסטערע מאסען און וועלענדיג פון זיך אראבווארפען די נעכטיגע ליעבע צום אמת'ן [illegible], האבען זיי געמוזט אויסזוכען א שפאיצל - נייע ערפינדונג און דערמיט זיך ווארפען אויפ'ן יוד, אלס אנ'אביעקט פון לייכטסטען ווידערשטאנד, וועלכער דארף זיי ווייטער דינען אלס שעיר לעזאזל, אלס שטאף פאר זייער שענדליכען דעמאגאגישען לעבענס-אינהאלט.

זיי האבען געהאט דעם מוט צו פלאקאטירען די ווענד מיט אויפשריפטען: „יודען, זיצט בעסער אינדערהיים, וואגט נישט צו געהן צו די וואהלען, ווייל ס'וועט זיין שלעכט"...

יודען האבען דערויף געענטפערט מיט איבער נייינציג פראצענט וואהלבעטייליגטע. דאס איז א וואונדערבארע ערשיינונג. אזעלכעס איז נאך קיינמאל נישט ביי אונז פערנאטירט געווארען. מיר וועלען זיך נישט לאזען איינמויערן אין די ד' אמות פון אונזערע שטובען און זיך נישט אבשרעקען פאר קיין שום דראהונגען און טערער פון א קליקע כוליגאנעס. ניין, טויזענד מאל ניין!

אבער נישט בלויז פון רעכטס, אפילו פון לינקס וועט אויך פאר אונז יודען — אלס אזעלכע — נישט קומען די ישועה. דער לינקער פוילישער לאגער איז העכסטענס געגען פיזישע געוואלד-אקטען לגבי יודען. אבער קיין פערשטענדניס פאר די יודישע נויטען און אונזערע טאג - טעגליכע לעבענס-אינטערעסען האבען זיי אויך נישט. נערפענקען מיר דאך גוט, ווי די פ. פ. ס. האט געהאנדעלט בעת אויפ'ן טאג-ארדנונג איז געשטאנען די שחיטה-פראגע. נו, יא, דאס איז כלומרשט א רעליגיעזער ענין, וועלכען סאציאליסטען האבען קיין אינטערעס נישט צו פערטיידיגען. אבער אויך זאכען פון ווירטשאפטליכער נאטור ווערען בעקעמפט דורך די פ. פ. ס. און אלץ ווערט צוגעדעקט מיט א „ויידען מענטעלע" פון: קאמף מיט רעליגיע, קאפיטאליזם, עקספלאאטאטארען, בורזשואזיע א. אז. וו.

זעהר א בעקוועמער דעק-מאנטעל — נישט אמת?

איז וואס זאלען מיר טהוען, אז מיר, יודען, זענען — גישט צוליעב אונזער שולד — אין אונזער איבערוויגענדער מעהרהייט קליינהענדלער, האנדווערקער, כאלופניקעס, סוחרים, וואס לויט אייער טערמינאלאגיע הייסט דאס בורזשואזי-קאפיטאליסטישער קלאס, וועלכען איהר בעקעמפט אזוי שטארק? אז איגערשיכטען וויל מען אונז נישט, אין פאבריקען לאזט מען אונז נישט אריין, דארף מען אונז, אלס אזעלכע, פערמשפט'ן צו אונטערגאנג, צו הונגער - טויט?

האבען מיר, הייסט דאס, זיך אויף קיינעם נישט צו פערלאזען, אויף קיינעם צו שטיצען, נאר אויף אייגענע כחות. דעם דאזיגען עלעמענטארען אמת האבען אלע יודען פערשטאנען און דערפאר האבען מיר אפגעהאלטען אזא גרויסען נצחון.

דאס אחדות פון טשענסטאכאווער יודענטום ביי די איצטיגע שטאדט-ראט וואהלען דארף דינען אלס מוסטער, אלס ביישפיעל פאר גאנץ פוילען. דאס יודישע טשענסטאכאוו האט זיך דאס מאל איינגעשריבען מיט גאלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון אונזער עקשנות'דיגען קאמף פאר רעכט צו לעבען ווי פרייע, פולבערעכטיגטע אלע האבען זיך פשוט מוסר-נפש געווען — דאס איז געשעהן דערפאר, ווייל ס'איז געווען א פראיינציפיעלער יודישער פראגע, פאר וועלכען ס'האט געלוינט זאך צו טהון, צו שטעהען לאנגע שעה'ן אונטער'ן רעגען און געדולדיג אויסווארטען די רייהע, ווייל: „אין איינגיקייט ליגט די קראפט"!

אזעלכע זענען מיר שוין.

אבער דער קאמף הויבט זיך ערשט אן. די ענדעקעס, וועלכע זענען אזוי פערכלינעט פון זייער גרויסען „נאראדאווען" זיעג איבער די סאציאליסטען און יודען, וועלען אויפ'ן פארום פון שטאדט ראט מיט נאך מעהר, ווי ביז איצט, אימפעט, מיט מעהר קוראזש, שטורמען פון דער טריבונע מיט זייערע אנטיסעמיטישע הצעס. פון דער כאדעציע, וועלכע איז דא ווידער אביסעל אריין אין די פעדערן, איז דאך שוין אבגערעדט, זיי זענען דאך שוין אלטע, פערביסענע שונאי-ישראל. אויך דער „אזאן" וועט מן הסתם נישט וועלען בלייבען הינטערשטעליג. זיי צוזאמען בילדען דארט א מעהרהייט. עס דערווארט דעריבער די יודישע ראטמענער א זעהר שווער שטיקעל ארבייט.

לאמיר האפען, אז אזוי גוט ווי די יודישע מאסען האבען אין טאג פון די וואהלען ארויסגעוויזען די גרעסטע קרבנות-גרייטקייט און זיך פאר גארנישט צוריקגעצויגען — אזוי וועלען אויך אונזערע געוועהלטע פארשטעהער מיט ווירדע און כבוד, מוטיג און דרייסט פערטיידיגען די רעכט פון די יודישע מאסען, וועלכע האבען זיי דארט אהינגעשיקט.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „אחיעזר"

זונטאג, דעם 28 מאי 3 א זייגער נאכמיטאג אין ערשטען טערמין און 4 א זייגער אין צווייטען טערמין קומט פאר די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער פון „אחיעזר".

אויפ'ן טאג-ארדנונג געפונען זיך א רייהע וויכטיגע פראגען, ווי אויך דאס וועהלען איינינע פערוואלטונגס - מיטגלידער אויפ'ן ארט פון די אבטרעטענדע און עס איז דעריבער ווינשענסווערט, אז אלע מיטגלידער זאלען זיין אנוועזענד.

די טשענסטאכאווער קאלאניע אין תל-אביב.

פון אונזער ארץ-ישראל קארעספאנדענט עזריאל יאקובאוויטש.

די טשענסטאכאווער קאלאניע אין תל-אביב איז א צאהלרייכע און גרויסע. און עס איז דאך נישט קיין וואונדער. טשענסטאכאוו איז פון תמיד געווען א ציוניסטישע שטאדט, אי זי האט געשמט אלס אזעלכע, אי זי איז פאקטיש געווען אין מעשים ציוניסטיש דורך און דורך, סיי מיט געלד-שפענדונגען ווי אויך מיט פאקטישער ארבייט לטובת ארץ-ישראל. מיר מיינען דערמיט, וואס טשענסטאכאווער יודען האבען תמיד עמיגרירט קיין ארץ-ישראל, כמעט ביי יעדער עליה, וואס פארא כאראקטער זי האט נישט געזאלט טראגען. די פיערטע מאסען-עליה, צי די אינדיווידועלע חלוצישע עליות, האבען טשענסטאכאווער זיך מאסענווייז בעטייליגט.

דער עמיגראציע-שטראם פון טשענסטאכאווער דאטירט זיך נאך פון פאר'ן קריג, אבער דאמאלט איז די עמיגראציע קיין ארץ ישראל געווען א נישטיגע, ווייל מעהרסטענטייל האט מען עמיגרירט קיין אמעריקא. געפאהרען קיין ארץ-ישראל איז אנ'אלטער יוד מיט דער דעה דארט צו שטארבען, בכדי אין דער צוקונפט אויסצומיידען דעם גולגל המחולות... אדער גאר שוין א פאנאטישער און פערברענטער ציוניסט.

דער גרעסטער עמיגראציע שטראם קיין ארץ-ישראל פון פוילען בכלל און פון טשענסטאכאוו בפרט דאטירט זיך פון די נאך-מלחמה-יאהרען. הונדערטער און טויזענדער (מיר זענען נישט מגזם) טשענסטאכאווער יונגעלייט זענען אויך דא אנגעקומען מיט די פערשידענע חלוצישע ארגאניזאציעס, אריינגעטרעטען אין די קבוצים און זיך געשטעלט צוזאמען מיט די בראיע חברה צו בעארבייטען די פון טויזענדער יאהרען פערווארלאזטע ערד. פיעל פון די טשענסטאכאווער יונגעלייט זענען געפאלען ביי דער ארבייט אויפ'ן מזבח פון אויפבוי פונ'ם יודישען לאנד (מיר וועלען זיך בעמיהען אין אנדערען בריף זייערע נעמען אויסצורעכענען). זיי זענען געווען קרבנות פון אראבישע קוילען, אדער פון מאלארישע קראנקהייטען. זיי האבען אבער אין איינעם מיט די טויזענדער פיאנערען, טרוימער און קעמפער ארץ-ישראל פערוואנדעלט אין אנ'ע שטראנגיגע אייראפעאישע מלוכה. זיי האבען וויסטע מלאריישע זומפען פערוואנדעלט אין פראכטיגע פעלדער און גערטנער, מיט זייער בלוט און שוויס האבען זיי וויסטע מדבריות פערוואנדעלט אין שפראציגער און פרוכטבארער ערד. גרויסע זאמד-שטחים, וועלכע האבען זיך קילאמעטערס געצויגען, האבען זיי בעזייטיגט און אויף דעם ארט גרויסע שטעדט מיט פראכט און גלאנץ אויפגעבוים.

און ווען מיר מאכען א שפאציר איבער די קאלאניעס טרעפט מען פיעל טשענסטאכאווער. מעהרסטענטייל זענען זיי אוועק אלס יונגעלייט פון 22 און 23 יאהר און היינט זענען זיי שוין מענער פון 40 יאהר און אריבער. זיי זענען שוין דא אין לאנד א צוויי צעהנדליג יאהר ביי שווערער ארבייט, וואס ס'לאזט זיך לייכט בעמערקען. מען דערקענט עס אין זיי. דאס פנים איז מיט קנייטשען, די האר אויסגעקראכען, די זון האט זיי אויסגעברענט מיט די ווארצלען, די הענד שווערע, בלייערנע מיט בלויע אדערן ארויסגעזעצט. זיי זענען אלע צופרידען פון זייער לעבען. אין משך פון דער צייט האבען זיי שוין דא ערווארבען איינענעם באדען, וועלכען זיי בעארבייטען מיט הנאה. יודישע טויערים זענען זיי געווארען. אנדערע ווידער זענען מיטגלידער צום קאלעקטיוו פון די קבוצות, שותפים צו פיין-בעארבייטע גרויסע ערד-שטחים און צו דער דארפס ווירטשאפט. זייערע קינדערלעך זענען שוין די אמתע „סאברעס", רעדען א דארפישען עברית און ווערען ערצויגען אין גייסט פון א נייעם יודישען בירגער אין זיין בעפרייט היימלאנד.

פיעל געוועזענע טשענסטאכאווער מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו רעדען, האבען נאך א סענטימענט פאר דער אלטער שטאדט. זיי אינטערעסירען זיך לעבהאפט מיט טשענסטאכאוו, פערשיטען א פרישען געקומענעם מיט א האגעל פראגען. זיי וואלטען נאך אמאל וועלען בעזוכען זייער געבוירען-ארט. עפיס מיט אזא ליבשאפט דערמאנען זיי זייערע קינדער-יאהרען אין טשענסטאכאוו, דאס חדר, די שוהל. עס איז מיר פונקט אויסגעקומען צו זיין ביי א טשענסטאכאווער דעמזעלבען טאג ווען ער האט בעקומען א ידיעה, אז ר' יחיאל גרילאק איז געשטארבען. ער האט איהם דערמאנט מיט אזוי פיעל ווארימקייט, הגם עס איז שוין 30 יאהר, ווי ער האט ביי איהם געלערנט.

נישט בלויז חלוצים זענען אוועק פון טשענסטאכאוו, אויך סתם יודען, טייל ציוניסטיש געשטימטע, אויך אזעלכע, וועלכע האבען איינגעזעהען, אז עס שטעהט פאר דעם גלות יודענטום א קאטאסטראפע. זענען פיעל טאקע אוועק, זיך דא אייגגעקויפט נחלות און נאכהער אויפגעבוים הייזער און היינט דרעהען זיי זיך ארום מיט די הענד אין די קעשענעס און לעבען בריות גדול. נישקשה, זיי בעדויערען נישט, זיי האבען דא פרנס.ה זיי ווידער, וועלכע האבען געקויפט אין אראבישע געגענדען זייערע דונאמס ערד האבען פארלויפיג גארנישט דערפון. פערקעהרט, זיי לעגען נאך כסדר אריין געלד אין משפטים, אבער מען האפט, אז דער ענין וועט איצט רעגולירט ווערען.

אויך האבען מיר איינינע טשענסטאכאווער פרדסים, אייגענטימער פון גרויסע פאמעראנצען און גרעיפ פרוכטען-צוכטען. דאס זענען שוין צו רעכענען מאגנאטען. זיי זענען באלד אזעק פון טשענסטאכאוו מיט מענגעס געלדער און איצט מאכט מען ווייטער ביזנעס.

די גרעסטע צאהל טשענסטאכאווער, ווי געזאגט, געפינט זיך אין תל אביב. די לעצטע יאהרען, ווער עס קומט פון טשענסטאכאוו בעזעצט זיך דא. קודם כל איז דא רוהיג, מען איז זיכער מיט'ן יודישען לעבען. דא האט קיין שליטה נישט דער אראבער. פערשטעהט זיך, אז חלוצים, די אמתע הונדערט-פראצענטיגע, טוען דאס נישט. זיי זיצען ווייטער אין דארף און היטען יעדען שפאן ערד. אזוי איז א גרופע לעצטענס אנגעקומענע טשענסטאכאווער חלוצים פון „השומר הצעיר" גלייך אוועק אין די מושבות. אבער דער רוב מנין ובנין טשענסטאכאווער געפינט זיך דא. ווי עס אינפארמירט מיך דער פארזיצער פון די טשענסטאכאווער לאנדסלייט ה' גד פרייטאג געפינט זיך דא אין תל-אביב איבער צוויי טויזענד טשענסטאכאווער אין פערשידענעם עלטער. די איבערוויגענדע מערהייט איז פערשטענדליך, אזוי ווי אין גאנץ ארץ ישראל, יוגענד.

דאס ערשטע, ווען מען קומט פון חוץ-לארץ פעלט מען אריין צו ה' פרייטאג, מען בעט איהם אין פאסטענס מען בעראט זיך מיט איהם, מען וויינט פאר איהם, ווען עס געלונגט נישט זיך איינצוארדנען. אבער ווי

נאר עס געהט גוט פערגעסט מען אין טשענסטאכאוו, אין אלע פליכטען, וואס עס בינדען מיט דער שטאדט.

מיר האבען זיך פעראינטערעסירט מיט דעם טשענסטאכאווער פערבאנד אין תל-אביב. ווי עס ווייזט זיך ארויס, עקזיסטירט נישט אזא פערבאנד. ה' פרייטאג איז שוין מיעד פון רופען פערזאמלונגען, טשענסטאכאווער ווילען בקיין תאל נישט זיין ארגאניזירט, מען קען זיי נישט צוזאמענעהמען און מיט זיי זיך צונויפרעדען. מיר אבטערווירען דא ווי אנדערע שטעדט זענען ארגאניזירט. גאנץ אפט קומען פאר פערזאמלונגען, מען טראגט הילף פרישע אנגעקומענע, מען ארדענט איין פערוויילונגען און די הכנסה בעשטימט מען פאר די וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס אין די אלטע היימען, מען פיהרט א פערצווייגטע אקציע, מען לייענט די צייטונגען און אויסגאבען פון דער שטאדט, פון וועלכער מען שטאמט. מיט איין ווארט, מען האט אנ'אינטערעס צום געבוירען-ארט. טשענסטאכאווער, וואס זענען פון תמיד געווען בעקאנט אלס צוגעבינדענע צו זייער שטאדט, אומעטום אין אמעריקא, ארגענטינא, בראזיליען, ווייזען דא אין תל-אביב ארויס דעם היפוך דערפון. מען פערנאכלעסיגט אלע טשענסטאכאווער ענינים און איינציגווייז פערגעסט מען וועגען דער שטאדט.

מען מוז אבער אונטערשטרייכען, אז ס'זענען פערהאן מענשען, וועלכע האבען נאך אנ'אינטערעס צו טשענסטאכאוו. נישט אלץ איז פערגאנגרעניזירט. אזוי אינטערעסירען זיך פיעל טשענסטאכאווער מיט די שטאדט-ראט וואהלען אין טשענסטאכאוו. עס האט ארויסגערופען אנ'אינטערעס דער קאנצערט פון „מכבי"-כאר און איך האב געמוזט דא אויפקלערען ווער עס איז דער דיריג. פראפ. ראזענוויין.

א פראפא דיריגענטען מוז דערמאנט ווערען דער געוועזענער טשענסטאכאווער דיריגענט פון דער נייער שוהל און לייטער פון בירנבוים-מענער-כאר ה' לעווקאוויטש, וועלכער האט זיך דא, אין תל אביב דערשלאגען אלס דיריגענט פון דער גרויסער שוהל אין תל-אביב, וואס איז די רעפרעזענטאנץ-שוהל פון ארץ-ישראל. דעם כאר, וואס ער האט דא איינשטודירט איז א פערכטיגער און עס איז א נחת רוח איהם צו הערען.

דער פראטעסט-שטרייק פון טשענסטאכאווער יודענטום

דער פראקלאמירטער פראטעסט-שטרייק פון גאנצען פוילישען יודענטום געגען דעם ברוטאלען אנגריף אויף דער יודישער רעכט אויף ארץ-ישראל— איז אין טשענסטאכאוו אויסגעפאלען אימפאזאנט.

פונקטליך 2 א זייגער האבען אלע יודישע געשעפטען זיך געשלאסען, די יודישע פאבריקלעך און ווארשטאטען האבען זיך אבגעשטעלט און אלע אנגעשטעלטע און ארבייטער זענען ארויס אין די גאסען, כדי אזוי ארום צו דעמאנסטרירען דעם פעסטען ענטשלוס צו צעררייסען דאס „ווייס-בוך" און הצלפען מיט אלע כחות די רעאליזירונג פונ'ם ציוניזם און דעם אויפבוי פון יודישען ארץ-ישראל.

מאנכע יודען האבען זאגאר געפרובט נישט צו פעראייניגען זיך מיט'ן אלגעמיינעם פראטעסט, אבער נאך אינטערווענצען, דאך געשלאסען זייערע געשעפטען. בלויז דער אייגענטימער פון שיך געשעפט „גוויאזדא" אויפ'ן נייעם מארק, ה' פעלדבערג, האט באין-אופן נישט געוואלט שליסען זיין געשעפט און צו די יודען, וואס האבען געוואלט פועל'ן, אז ער זאל דאך זיך נישט אויסברעכען — ארויסגערופען פאליציי. די אויסגעבראכטע יודישע בעפעלקערונג האט ביי איהם אויסגעהאקט דאס שוי-פענסטער.

ארום 4 א זייגער איז זיך דער עולם רוהיג אוועק צו דער נארמאלער ארבייט און די גאס האט אנגענומען דעם געוועהנליכען אויסזעהן.

דער רעזולטאט פון די שטאדט-ראט-וואהלען אין טשענסטאכאוו

אלגעמיינער יודישער בלאק – 8 מאנדאטען, „בונד", „פועלי ציון" און פראפ. קלאסען-פעראיינען–2, אזאן – 9, ענדעקעס – 16, פ.פ.ס. – 7, כאדעקעס – 6 מאנדאטען

די טשענסטאכאווער יודישע בעפעל-קערונג האט זונטאג אינ'ם טאג פון די שטאדט-ראט-וואהלען, ארויסגעוויזען די רייפקייט און אחריות. טראץ די ארויסגעקלעבטע וואהל-פלאקאטען דורך די ענדעקישע פארטייען אין דער יודי-שער געגענד, מיט דראהונגען, אז יודען זאלען נישט וואגען צו געהן צו די וואהלען און זיך נישט מישען אין נישט-זייערע ענינים, האבען די יודען מאסענווייז געשטראמט צו די וואהל-אורנעס ווערענדיג אין פיעל פאלען דערצו געוועקט דורך די טעטיגע אגיטאטארען פון די יודישע ליסטעס.

די פרעקווענץ איז אין אלגעמיין און ספעציעל אין דער יודישער געגענד געווען זעהר א גרויסע. פון באלד אינדערפריה האבען פאר די וואהל-לאקאלען זיך אויסגעשטעלט לאנגע רייהען וועהלער, וועלכע האבען מיט אויסדויער געדולדיג גאנצע שעה'ן געווארט ביז זיי האבען ערפולט זייער פליכט און אבגעגעבען די שטימען. אין פיעל פאלען איז אבער צוליעב פערשידענע „אומפינקטליכקייטען" ביי א סך יודישע וועהלער צוגענומען גע-ווארען דאס וואהל-רעכט און טראץ אלע אינטערווענצען פון די יודישע פערטרויאונגס-מענער, זענען די וועה-לער געווען געצוואונגען אוועקצוגעהן מיט גארנישט.

א גרויסע אויפרעגונג ביי די יודישע וועהלער אין טשענסטאכאוו האט ארויס-גערופען די פראוואקאטארישע האנד-לונג פון א גרופע כלל-טהוער, וועלכע האבען ארויסגעלאזט וואהל-צעטלען מיט נעמען נישט לויט'ן סדר פון די ריכטיגע וואהל-צעטלען און דערמיט אריינגעבראכט א כאאס אין די רייהען פון די יודישע וועהלער.

אין געגענזאץ צו די יודישע וואהל-אבווארען, איז די פרעקווענץ אין די קריסטליכע אבוואדען געווען א בעדייטענד קלענערע. אין די דאזיגע אב-וואדען האט די פרעקווענץ דערגרייכט קוים פון 60 ביז 65 פראצענט וואהל-בערעכטיגטע אין די יודישע אבוואדען –ביז 98 פראצענט.

אויסער איי'ניגע קליינע אינצידענטען זענען די וואהלען אין אלגעמיין אדורך רוהיג.

פון דער אלגעמיינער צאה"ל 74.564 וואהל בערעכטיגטע האבען אבגעגעבען זייערע שטימען אנ'ערך 55,000 וועה-לער, ד. ה. 75 פראצענט.

נאכדעם ווי אלע וועהלער האבען אבגעגעבען זייערע שטימען, וואס ס'האט אין מאנכע ראיאנען געדויערט ביז 11 א זייגער זענען די 52 אבוואַ-דאווע קאמיסיעס צוגעטרעטען צו צעה-לען די צעטלען. די ערשטע רעזולטא-טען פון די צעהלונגען זענען אנגעקו-מען ערשט 3 א זייגער ביינאכט און דער לעצטער – 10 אינדערפריה.

דער אלגעמיינער רעזולטאט איז פאלגענדער: די ליסטע פון אלגעמיינעם יודישען וואהל בלאק האט בעקומען 8 מאנדאטען (פריהער אויך 8), בונד, קלאסען - פעראיינען בין פועלי - ציון (לינקע) 2 מאנדאטען (ביז-איצט אהן מאנדאט), אזאן – 9 מאנדאטען (ביז-איצט 14), פפס. – 7 מאנדאטען (ביז-איצט 12), ענדעקעס – 16 (ביז-איצט 13), כאדעקעס – 6 (ביז-איצט 1).

די רעזולטאטען אין די בעזונדערע קרייזען זענען: אין 1-טען ר. בול און מ. לאמפע (נ.ד.), י. קולא (כ.ד.), וו. יאמראז (פ.פ.ס.)

אין 2 טען קרייז: פעלישאק (אזאן), סטודניצקי (נ. ד.), קארדיני (כ.ד.), דאמבראווסקי (פפס).

אין 3 טען קרייז: מיכאלסקי (נ.ד.), מאגנוסקי (אזאן), פלוכא (כ.ד.), קאזש-מיערטשאק און יאנאטא (פפס).

אין 4-טען קרייז: גליצע, זאזשעצקי, ראדאלינסקי (נד), נאוויצקי (אזאן).

אין 5-טען קרייז: אדוו. דר. יאאכים מארקאוויטש (אלג. יוד. בלאק), פיאנט-קאווסקי, וואטשינסקי און פאלאק (נד), בארילא (אזאן).

אין 6 טען קרייז: אדוו. פלעבאנעק (נד), אדוו. פאטשארקאווסקי (אזאן).

אין 7-טען קרייז: סמולסקי (אזאן), קאורסקי (נד), ליזוריי (פפס).

אין 8-טען קרייז: גלינסקי, דעסקא (נד), רומיאנעק (אזאן), בראקסאטאר (כד), פינקע (פפס).

אין 9-טען קרייז: אדוו. דר. לייב אש (אל. יוד. בלאק), גלאוואצקי (נד), דר. שוועדאווסקי (אזאן).

אין 10-טען קרייז: דר. ארנאלד בראם, חיים וועקסלער און דוד באזשי-קאווסקי (אלג. יוד. בלאק) און דר. מיקולסקי (אזאן).

אין 11-טען קרייז: דר. מערינג, יוסף גאלדבערג, דר. ה. לעוואקאוויטש (אלג. יוד. בלאק), יאראנאווסקי (בונד).

אין 12-טען קרייז: א. ברום (בונד, קלאסען פעראיינען און לינקע פועלי-ציון), בלאכניצקי (נד), קלעכא (כד), קובישעוויטש (פפס).

זונטאג איז – ווי בעוואוסט – פאר-געקומען אין טשענסטאכאוו דער צוזא-מענפאהר פון די אקאדעמיקער אויף דער יאסנא גורא. אזא צוזאמענפאהר אין טאג פון די וואהלען האט ארויס-גערופען ביי דער יודישער בעפעלקע-רונג און אויך ביי די סאציאליסטישע פוילישע גרופירונגען א מורא פאר שטערונגען, אבער די מורא האט זיך ארויסגעוויזען, גליקליכערווייזע, אלס אונבעגרינדעט.

אין דער נאכט פון שבת אויף זונ-טאג האבען פערשידענע קלעבערס פון וואהל-ליטעראטור זיך ערלויבט צו פערשמירען פיעל יודישע שילדען, צו צושפריצען די לעצטענס פעארדענטע גאלדענע בוכשטאבען, אראבצורייסען פיעל עמאלירטע שילדלעך פון די ווענד און דערביי אויך אויסגעהאקט שויבען אין דער שטאדט-שוהל און בית המדרש. פערשטענדליך, אז יודישע דורכגעהער זענען אויך נישט געשוינט געווארען.

צו די היגע הויז - בעזיצער

אויפ'ן סמך פון פאר. 33 פון דער פעראָרדנונג פון מיניסטארען-ראט פונ'ם 24 טען יאנואר 1939 (דז. או. נר. 10) זענען די הויז בעזיצער געצוואונגען צו דעקען די קאסטען פון פערזארגען מיט מכשירים, מיטלען און איינריכטונג פון פערסאנאל, וואס איז בעשטימט צו די אויספיהר-ארגאנען פון דער לופט-שוץ און גאז-פערטיידיגונג פון די דאזיגע הייזער, ווי אויך צוצופאסען און פער-זיכערן די לאגערן אויף די מכשירים און מיטלען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט רוף איך אלע הויז בעזיצער, אז זיי זאלען אין אינטערעס פון דער מלוכה און פון זייער איינענעם אינטערעס מיטארביי-טען מיט'ן בלאק קאמענדאנט פון א.פ.ל. און אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע ערמעגליכען זיי דאס צוגרייטען די זעלבסטשוץ פון די הייזער.

דאס פערזעהען מיט מכשירים, מיט-לען און מאטעריאלען די ארגאנען פון דער לופט שוץ פערטיידיגונג רעגולירען די פארשריפטען אין די געהעריגע אינסטרוקציעס פון אינערן-מיניסטעריום פון יאהר 1938.

כדאי צו דערמאנען, אז אין דער ערשטער רייה דארף מען אויסנוצען אלע ארטיגע מיטלען, מכשירים און מאטעריאלען, וואס געפינען זיך אויפ'ן שטח פון הויז, אדער אין בעזירק פון הויז אייגענטימער און פון די לאקאטא-רען. איינצוקויפען בלויז די דאזיגע מכשירים און מאטעריאלען, וואס גע-פינען זיך נישט אויפ'ן שטח פון הויז. די מכשירים און מאטעריאלען, וואס געפינען זיך אויפ'ן שטח פון הויז (בלאק) דארף זיין אויסגעקליבען, אבער נישט אנגעזאמעלט אויף איין ארט, נאר עושט אינ'ם מאמענט פון פער-עפענטליכען דעם גאז-אנגריף אדער לופט-שוץ-איבונגען.

דאס פערזעהען מיט גאז-מאסקעס די בלאק-ארגאנען דארף אין דער קורצ-סטער צייט דערגרייכען מעגליך די גרעסטע פערנעהמען, דעקענדיג אין די ראהמען פון די מעגליכקייטען די גע-ברויכען פון פאלק.

אויבוואהל די בלאק-דינסט בעטרעפט מינימום 40 פערזאן – איז פארלויפיג פארגעזעהען דער איינקויף פון גאז-מאסקעס בלויז פאר 20 פערזאן. דער איבריגער פערסאנאל קען פערזעהען ווערען מיט מאסקעס ערשט אין א שפעטערדיגען טערמין, עווענטועל אין פרוויזארישע מאסקעס, וואס זענען צו בעקומען אין ארטיגען אביוואוד פון „לאפ", דאמבראווסקי 7.

דער אריענטאציע פרייז פון א גאז-מאסקע פון נייעם טיפ איז אנגעצייכענט געווארען אויף 12 זלאטעס אין פרייזען פערקויף, אין קלענערע צאהלען – עטוואס טייערער.

בעשטעלונגען אויף גאז - מאסקעס דארף מען צושיקען דורך די בלאק-קאמענדאנטען צום „לאפ" אין טשענ-סטאכאוו ביז'ן 30 טען מאי ה. י., איינ-צאהלענדיג ביים בעשטעלען צו 7 זל. אלס האנדגעלד פאר יעדער מאסקע.

די בעשטעלונג דארף זיין פערזעהען מיט א פערפליכטונג איינצוצאהלען די רעשט אינ'ם מאמענט פון דערהאלטען די מעלדונג, וועגען דער גרייטקייט ארויסצושיקען דורך דער פאבריק די בעשטעלטע מאסקעס.

די נייע גאז מאסקעס ווערען אויס-געארבייט אין צוויי פארמאטען.

(–) יאן שטשאדראווסקי
שטאדט פרעזידענט.

צוויי קינסטלערישע רעווי-אויפטרי-טען

דעם קומענדען שבת און זונטאג, דעם 3 און 4 יוני וועט דער דראמא-טישער קרייז ביים י. ל. פרץ קינדער-היים אויספיהרען פרישע צוויי רעווי-אוונדען, וואס וועלען פארקומען אין זאל פון „מכבי".

צו די אוונדען איז צוגעגרייט א פולשטענדיג פרישער, אינהאלטסריי-כער רעפערטואר, וואס באשטעהט פון די בעסטע יודישע שרייבער, ווי צווי-שען אנדערע: בראדערזאן, נאדיר, שעפנער, טונקעלער, קאטלער א. א.

ס'איז אויך כדאי צו בעמערקען, אז דער איצטינער פראגראם איז אהן שום ספק פיעל א שטארקערער ווי דער ערשטער. כמעט אלע נומערען – דע-רונטער די גרעסטע טייל מיט מוזיק – זענען קאלעקטיווע און פון א ווערט-פולען פערשידענארטיגען כאראקטער. עס ווערען אויך צוגעגרייט עפעקטפולע דעקאראציעס, צוגעפאסט צו יעדען נו-מער בעזונדער. די ארגאניזאטארען בעמיהען זיך, אז די איצטיגע אויפ-טריטען זאלען אויספאלען אימפאזאנט און שטארק צו דער בעסטער צופרי-דענקייט פון עולם.

„כבוד דער מוטער".

אין א גאנצער רייה שולען זענען פארגעקומען די אזוי-גערופענע פייערונ-גען לכבוד דעם „טאג פון דער מוטער". די שענסטע און הערליכסטע פייערונג איז אבער אויסגעפאלען אין דער שולע פון ז. וויינשטאק, וואס האט איינגע-ארדענט א טעאטער-פארשטעלונג אין קאמעראל טעאטער א.נ. „די פערכשופטע ברילען". אלע אויפפיהרונגען פון דער דאזי-גער שולע געהן אדורך מיט ערפאלג. די לעצטע אויפפיהרונג איז אבער גע-ווען מוסטערהאפט, וואס האט איבער-געשטיגען אלע ביז איצטיגע אויפפיה-רונגען. די קינדער שפילען הערליך, די רעזשי אויסגעצייכענט, די דעקארא-ציעס א פראכט. מיט איין ווארט, עס איז געווען א גלאנץ לייסטונג. דאן איז דער אינהאלט פון דער אויפפיהרונג געווען זעהר צוגעפאסט און ענטשפרע-כען דעם מאמענט.

Kino STYLOWY
Aleja 27.

דאס הערליכסטע קונסטווערק פון קינג ווידאר לויט דער פאפולערסטער ערצעהלונג פון ד"ר קאלין א. ט. „די ציטאדעל" אינ'ם פילם

Złudzenie życia

אין די הויפט-ראלען: ראזאלין רוסעל און ראבערט דאנאט.

שבת, זונטאג און מאנטאג מיטאג-סעאנס

JEZZEBEL

מיט בעטי דייוויס

ביי דער וואהל-אורנע...

פערטרוישט די נעמען...

צווישען די עטליכע טויזענד יודישע וועהלער האט מען זעלטען געזעהען פריילייגס, נישט וועלענדיג אויסגעבען, אז זיי זענען שוין אלט 24 יאהר. האט זיך שוין אבער יא געטראפען אזעלכע פאניענקעס, וועלכע האבען זיך מוסר נפש געווען און געגאנגען צו דער וואהל-אורנע, האבען זיי סיי ווי נישט געקאנט וועהלען צוליעב די פערטרוישטע נעמען.

ווארום א מיאוסע טבע האבען זיי די מאגיסטראט-בעאמטע, וועלכע שריי-בען אויף מיידעלשע נעמען אזוי אי מען האט זיי א נאמען געגעבען, פרא-דיל, ביילע, זיסל, יענטל א. ז. וו. קומט אזא פאניענקע צו דער וואהל-אורנע פרעגט מען זי: מה שמך? זאגט זי פראניא, קוקט מען נאך שטעהט גאר פערשריבען פראדל, אנ'אנדערע הייסט פאלא און פערשריבען איז זי גאר פעסיל, הכלל, זיי האבען נישט געוועהלט. טענה'ט מען צו אזא פריי-ליין, פאר וואס זאגען זי נישט ווי זי הייסען אויפ'ן ריכטיגען נאמען, וויל זי אבער נישט. נא גויעש, טאקי בעזי-טשעלני, אנדערש וויל ער נישט נאר איך זאל זיך רופען קיילע אנשטאט קאראלינע. און נישט נאר פאניענקעס, נאר צו קיין גנאי זאל עס נישט זיין, אויך מענער האבען געוואלט ביי דער וואהל - אורנע אנגעהן פאר אינטעלי-גענטען.

דערצעהלט מיר א פערטרויאונגס-מאן פון פעראייניגטען יודישען וואהל-בלאק, וועלכער איז געזעסען אין וואהל-אבוואוד אויף נארוטאוויטשא 29 אז דארט איז געקומען א יוד, וועל-כער איז אמאל געווען א גאנצער כלל-טהוער און אויך נאך איצט רייסט ער זיך צו קהל'ס שיסעל, א מ'שטיינס געזאגט נאציאנאלער יוד, האט מען אט דעם דאזיגען יודען געפרעגט ווי ער הייסט, זאגט ער סאמועל, קוקט מען אריין אין בוך שטעהט ער פער-שריבען שמול, פרעגט מען איהם, אפשר רופט איהר זיך שמול, מאכט ער א קרומע גרימאסע און ענטפערט, אז ער הייסט נאר סאמועל. זעהענדיג, אז ער וויל בשום אופן נישט הייסען שמול, האט מען איהם נישט געלאזט וועהלען. און אט דער הייסער יוד האט באדיי געוואלט רעזיגנירען פון אבגעבען זיין שטים נאר ער זאל זיך נישט לאזען קאמפראמיטירען מיט'ן נאמען שמול א'שטאט סאמועל. ערשט דאמאלס האט זיך דער יודישער פער-טרויאונגס-מאן, פון בערוף א דאקטאר, געמאכט א קאמפראמיס, אז דער וועה-לער הייסט שמול וועל סאמועל און א יודישע שטימע איז געראטעוועט גע-ווארען.

אט אזוי פערטרוישט מען ביי אונז די נעמען...

זי האט פערלוירען די יאהרען...

צו דער וואהל-אורנע קומט צו די יונגע פרוי סאלאמעא ק. נאר זוך אהין זוך אהער, קיין סאלאמעא ק. געפונט זיך נישט אין בוך, וויל מען דאך פארט ראטעווען א שטימע, פרעגט מען דער פרוי ווי אלט זי איז, בע-קומט זיך א שטילער ענטפער: 25 יאהר, קוקט מען נאך שטימט עס אוודאי נישט. הקיצור, מען הייסט דער פרוי ברענגען א דאוואויד.

אין א פאר שעה ארום קומט די פרוי סאלאמעא מיט'ן פערזענליכען דאקומענט און אט וואס עס ווייזט זיך ארויס, אז זי הייסען הייסט זי נישט סא-לאמעא נאר שיינדל און יאהרען האט זי נישט 25 נאר 39.

ווען מען האט געפרעגט דער פרוי שיינדל-סאלאמעא, פארוואס זי האט זיך אראבגענומען אזש גאנצע 14 יאהר האט זי פערשעמט געענטפערט, אז זי האט זיך טועה געווען...

איינמאל איז די קהלה אויך צו-נויף געקומען...

דאס איז געווען אין טאג פון די וואהלען, מען האט כסדר געפסל'ט צוליעב פערדרעהטע נעמען, האט די קהלה קאנצעלאריע ארויסגעגעבען אי-בער 600 בעשייניגונגען, פון וועלכע עטליכע הונדערט זענען אנערקענט געווארען און דאס האט געראטעוועט יודישע שטימען.

דאס איז דאס איינציגע מאל, וואס די קהלה איז אויך צונויף געקומען...

סעם.

טשענסטאכאווער בן-עיר פייערט זיין 50-יעהריגען געבורטס-טאג אין פינלאנד.

דעם 27 מאי פייערט דער טשענ-סטאכאווער בן-עיר ה' דירעקטאר בער-נארד בלויגרונד זיין 50-יעהריגען גע-בורטסטאג. דער בעל היובל, וועלכער האט ערווארבען א נאמען אין דער פינישער געשעפטס וועלט אלס לייטער פון מעהרערע גרויסע טוך און קאנ-פעקציאנס אונטערנעהמונגען, נעהער פון זיין יוגענד אן צו דער ציוניסטישער בעוועגונג און ער האט שוין פאר דער דאזיגער בעוועגונג גרויסע פערדינסטען. בעזונדערס דאנקט איהם דער „קרן-היסוד", פאר וועלכען ער האט אלס לייטער אין פינלאנד פיעל געלייסטעט און דאס לאנד מיט בלויז 2000 יודישע נפשות פראצענטועל לויט די בייטראג-לייסטונגען איועקגעשטעלט אויפ'ן 3 טען ארט פון דער וועלט-ליסטע.

ה' דיר. בלויגרונד איז פערוואל-טונגס מיטגליד פון פינאנץ-רעפערענט פון דער יודישער קהלה אין העלסינג-פארס. פאראיאהר, ווען ס'זענען קיין פינלאנד אנגעקומען צאהלרייכע עמי-גראנטען פון מיטעל-אייראפא, האט דיר. בלויגרונד זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון פליכטלינגס קאמיטעט ביי דער יודישער קהלה און אויך אויף דעם געביעט זעהר פיעל געלייסטעט.

לכבוד זיין 50-יעהריגען געבורטס-טאג ווינשען מיר דעם חשוב'ען בעל-היובל ווייטערדיגע לאנגע יאהרען פון פרוכטבארער ארבייט.

פראטעסט-פערזאמלונגען געגען „ווייס-בוך".

פערגאנגענעם שבת איז אין לאקאל פון „ביתר" (אלעע 40) פארגעקומען א גראנד-עזע פראטעסט-פערזאמלונג געגען שענדליכען „ווייס בוך" פון ענגלאנד לגבי ארץ ישראל.

די פערזאמלונג איז אנגעפיהרט גע-ווארען דורכ'ן פרעזעס פון הצה"ר ש. גיעם ראווסקי, וועלכער האט געהאלטען אנ'איינלייטונגס-רעדע וועגען פערראט פון ענגלאנד און די אויפגאבען וואס שטעהן פאר'ן יודישען פאלק אין אנ-בליק פון דער געשאפענער סיטואציע.

עס טרעטען אויך ארויס מיט גרויסע רעדעס די ה"ה: ל. יונגסטער, פראפ. וויינבערג, א. אפמאן, קדאק א.א.

די פערזאמלונג, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט עטליכע הונ-דערט מאן פון אלע רעוויזיאניסטישע אבטיילונגען האבען אננענומען צום סוף א געהעריגע רעזאלוציע, וואס פראטעסטירט אמשארפסטען געגען דער ברוטאלער האנדלונג פון דער מאנדא-טאר-מאכט און פאדערט אויף די יוגענד צו פערדאפלען זייער ענערגיע פאר דערגרייכען ארץ ישראל פאר'ן גאנצען יודישען פאלק.

גרעסטע סענסאציע אין טשענסטאכאוו

דאס נאטור-וואונדער פון 20-טען יאהרהונדערט

די גרעסטע סענסאציע ביי אונז אין שטאדט האט ארויסגערופען מיסיס ראליסאן, א פרוי מיט א בכבוד'יגער בארד און וואנצעס. ווער ס'האט גע-זעהן די מיסיס ראליטאן, קען זיך גאר-נישט אבוואונדערן פון דער דאזיגער גרויסער נאטור-ערשיינונג אין 20 טען יאהרהונדערט, צום ערשטען מאל אין טשענסטאכאוו. זי מאכט אויפ'ן בעזו-כער א קאלאסאלען איינדרוק. זי בע-זיצט חכמת היד און טרעפט אייער פערגאנגענהייט און צוקונפט.

ס'איז ווינשענסווערט, אז יעדער איינער זאל בעזוכען די דאזיגע וואונ-דער-פרוי, וואס איז די גרעסטע נאטור-ערשיינונג אין דער וועלט, ווייל זי פערלאזט שוין אינגיכען טשענסטאכאוו. די פרייזען זענען זעהר צוטריטליך. בעזוכען קען מען טעגליך פון 10 פריה ביז 10 אווענד אויף ווארשאווער 12 (פראנט-אריינגאנג).

Red. E. Bocian Częstochowa Aleja 6, Wyd. B. Bocian i Sz. Frank Druk. B. Bocian, Aleja 6